STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03149

TSURIK TSUM LEBN

Leon Yurman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן יורמאַן

צוריק צום לעבן

פארלאג
אידיש לעבן
ניו יאָרק, 1927

Copyright by
Verlag Yiddish Leben
New York, 1927

געווידמעט ריוואַ שוואַרץ.

אינהאַלט:

צוריק צום לעבן — — — — — — — — — — — 6

דער לעבעדיקער מת — — — — — — — — — — 25

שטאַרבן — — — — — — — — — — — — — 36

תיימלאַז — — — — — — — — — — — — 56

זון־אויפגאַנג — — — — — — — — — — 63

אַ קינד — — — — — — — — — — — — — 70

מאַרקאָ טשערעפּאַכאָ — — — — — — — — 73

צוריק צום לעבן

ווי אַ געזאַנג פון אייביקייטן ליגט אויסגעשפּרייט פּרוכפּערדיק פעלד איבער בערגלאַך און אין טאָלן. אין האַרמאָנישע שאַטירונגען פאַלן אָפּ און דערהויבן זיך טענער. מיט אומדערזעטלאַכער ליבע שטראָמט די וואַרים־שוואַרצע מוטער־ערד און טוליעט און היילט דעם קראַנקן און גיט שפּייז פאַר אָרים און רייך. אייביק־יונג אין איר אַלטקייט ליגט זי, ווי אַ גוטע מוטער צו איר זויגלינג און נערט און טוליעט אים צו זיך.

דאָרפישער פאַרנאַכט, שרייענדיק־הילכיקער פאַרנאַכט פאַלט איבער דער שטילקייט פון דאָרף. שאָטנס פאַלן מיט לייכטן טוי באַנעצט און אָטעמען אַ זיסקייט פון היי און דרעמל.

דאָ און דאָרט אַן אָפּגעריסענער שריי פון אַ האַלב־קינד, אַ פאַסטוך וואָס ברענגט די שאָף אַהיים. וועגענער, שוין פאַראיינצלטע, קומען פון פעלד און ברענגען זינגנדיק יונגוואַרג. ווידער ווערט שטיל... פון קוימענס ציט זיך דער רויך, בלוי און מאַט, און צעגייט זיך אין דער קלאָרקייט; לעמפּלאַך, קליינע צינדן זיך אָן אין שטיבער און קוקן מיט ציטערדיקן, בלינדן שיין פון פענצטערלאַך אַרויס.

די ביימער הויבן אָן צו וואַקסן, צו צעוואַקסן זיך אין דער לענג און ברייט, און די שטרויענע דעכער, באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך, פאַרלירן זיך אין דעם באַגינען פון נאַכט... דער רוים ווערט פולער, געדיכטער און גוואַלטיקער און נידערט מיט רו און זיכערער האָפנונג צו אַ נייעם טאָג, אַ נייעם טאָג מיט פרישער, אומדערמידלאַכער אַרבעט... גאַנץ ביי דער זייט, דערהויבן אויף אַ קליינער סקאַלע שטייט אַ הויז. דער שינדל־דאַך, גרוי און צעפוילט, סטראַשעט מיט איינפאַל; די ווענט זיינען צעריסן, מיט שטיקער ליים אַרויסשטעקנדיק פון געוועזענער קאַלך־ווייסקייט;

די פענצטער — קרומע און בלינדע — קוקן מיט אומעט אַרויס; נאָר איין פענצטער ציטערט תמיד מיט אַ בלינדן ליכט אַרויס — נאָר איצט איז טונקל דאָרט — טרויער פון לעבעדיקע נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם.

דאָ אין דעם הויז האָט געוואוינט — און וואוינט נאָך — שמואל-לייב יונגמאַן, זיין ווייב און בן יחיד, מאָטל. מאָטל „דער פאַרהויקערטער", אין זיך אַריין־ און פאַרוואַקסענער יונגלינג. דאָרט האָט ער זיינע ערשטע צען יאָר אויסגע'חלומ'ט, אויס־געוויינט אין אייביקן טרויער, אָדער אין גריבלערייען.

די קינדער פלעגן אים שלאָגן, לאַכן פון אים, ווייל זיין העמד איז תמיד פון די הויזן אַרויסגעקראָכן, אַרויסגעצויגן פון דער לינקער פלייצע, פון זיין הויקער. זיי פלעגן לאַכן פון זיין שוואַכקייט פון זיך ניט קענען ווערן. און ער, מאָטל, פלעגט שווייגן, זיך לאָזן שלאָגן און — זיי מעשה'לאך דערציילן, דאָרט אונטער דעם סטויג, זיי דערציילן און דערציילנדיק שוין אַ נייע אויסקלערן — ער האָט גאָר ניט געוואָלט, גאָרניט; מען מעג אים שלאָגן און פון אים לאַכן, נאָר אים מיט זיי לאָזן, אים ניט אַוועקטרייבן; ביי זיין פאָטער אין הויז איז אַזוי אומעטיק, אַזוי אומעטיק...

זיין מוטער איז געשטאָרבן און דער פאָטער, דער שוסטער, איז איצט מיט אים אין שול און זיי זאָגן אפשר קדיש, ער און זיין פאָטער — זיין פאָטער, וואָס זיצט דורך די נעכט און קלאַפּט מיט זיין העמערל, קלאַפּט און קלאַפּט. אין שטוב איז פוסט און וויסט. די ווענט צעקאָליעטשעטע: די סטעליע, מיט שוואַרצע פאַרטונקלטע פלעקן פון רעגן וואָס קאַפּעט אַריין — לאַנגזאַם ווי בלוט-טראָפּן פון האַרצן — אין צייט פון רעגן.

אויפן וואַרשטאַט ליגן עטלאַכע פּאָר שיך און שטיוול וואָס וואַרטן אויפן באַלעבאָס; אַ קאַץ לויפט אַרום און מיאַווקעט; אַ שאָרך, און ווידער אַ שאָרך פון אַן אומבאַקאַנטן עפּעס און ווייטער די איינטאָניקע, פאַרשלעפּערנדיקע, דרעמלענדיק-מאַטע, פּויסט-געדיכטע פינצטערקייט. פון דרויסן טראָגן זיך אָפּ־שטאַרבנדיקע, שוין האַלב-פאַרשטאָרבענע טענער, פראַגמענטאַ־ריש, ווייט און פרעמד, ווי פון אַ חלום אַרויס, און טונקעלער

ווערט אין הויז, טונקעלער און טונקעלער... און מיט אמאל צע־עפנט זיך מיט סקרוך און סקריפ די טיר און לאנגזאם, מיט שווערע טריט קומען פאטער און זון אריין. א ליכט צאנקט אויף — שמואל לייב זעצט זיך אויפן ווארשטאט ארויף און פאנגט אן, שווייגנדיק, דאס לאמפ־גלעזל צו פוצן. מאטל דרייט זיך אויס, לייגט אריין די צויטן פון העמד, וואס ווערן פון הויקער פון די הויזן ארויסגעשלעפט; רוקט ארונטער זיין צו־קורץ און צו־קליין רעקל, וויל עפעס, דאכט זיך, זאגן. נאר גיט א פאר מאל א מאך מיט די טרוקענע, בלויע ליפן און גייט שווייגנדיק ארויס. די פינצטערניש שלינגט אים אין זיך אריין, ווי א בויך, א ריזיקער.

אין שטוב איז שטיל, נאר דאס מאנאטאנע געקלאפ פון האמער און גערויש פון מעסער שטערט אביסל, אדער פאר־טרייבט זיינע אומעטיקע געדאנקען. און פלוצלונג ווערט שמואל לייב אומרואיק. ער הויבט אן ארומצופארן אויפן בענקל, ווי די אומרו זאל האבן געיערט אין אים און איצט איז זי ארויס. ער שפרינגט אויף פון זיין בענקעלע און פאנגט אן וואנדערן הין און צוריק אין דער לענג פון ווארשטאט.

זיינע ליפן מורמלען עפעס, ווי מאטל, דאכט זיך קלינגט דאס; מאטל... און מאטל איז דערווייל ווייט שוין, נאענט נעבן זיין באלעבאס הויף, דארט וואו ער דינט, פון וואנען ער טרייבט אלע טאג די שאף אויף די לאנקעס צו פאשן — און אנ־דער ארבעט איז געווען שווער פאר אים, צו שווער... זיין אלטער, מידער פאטער וואנדערט ארום איבער דעם ווארשטאט און מורמלט: „מאטל", און זיין ווארט דערהויבט זיך ביז צו א געוויין, ביז צו א געבעט: מאטל! און פון זיין טאן קלינגט ארויס: ווארום ביסטו אזוי פארקריפלט, ווארום, פארוואס, פאר־וואס?...

און ער זעצט זיך ווידער אוועק אויף דעם בענקעלע — און קלאפט און שניידט, און קלאפט און שניידט...

פון ווייטן מזרח קומט דער טאג און איבעררעשט — שוין דאס ערשטע מאל און אפשר ניט דאס לעצטע מאל — דעם ביי

דער אַרבעט, פון דער אַרבעט אויסגעמוטשעטן, פאַרמאַרטערטן — אין אַנטשלאָפענעם אויף דעם וואַרשטאַט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ קריפּל צווישן געזונטע מענטשן איז ווי אַ בוים, איינזאַם אין דעם זאַמד־טאַנץ פון מדבר, זוכנדיק אָן אָנשפּאַר — ער זוכט אַ גלייכן צו זיך.

אין זיינע אויגן ליגט דאָס אייביקע זוכן פון מענטשן, די אייביקע אומרו און מורא פאַרן אַליין־זיין — און דאָך ציט עס אים אַליין צו זיין — אַליין מיט זיינע שווערמוטיקע געדאַנקען. אין זיינע אויגן ליגט די אייביקע נערוועזע אומרו, זיך־אַרומקוקן, ווי דער בוים אין דעם מדבר־בראַנד נאָך אָן אָנשפּאַר אין אַ שטורם, מורא האָבנדיק צו שטאַרבן אַליין, צו ווערן געבראָכן אַליין — און ווייט און ברייט נאָך טאַנצנדיק זאַמד — זאַמד...

ער טראָגט מיט זיך די אומרו, זיין סם, די אייביקע אָטעמלאָזיקייט פון שטאַרבן אין אַ לופט־לערן רוים, און ער שטרעקט זיינע הענט אויס, אַ בעטלער צווישן די רייכע מענטשן, די געזונטע. נאָר קיינער שטרעקט אים ניט אַנטקעגן ברידערלאַכע הענט — נאָר מיטלייד אָדער נייגיר. — פאַר דעם אַנטלויפט ער און אַנטלויפט.

די נאַכט־איינזאַמע סטעזשקעס נעמען אים צו זייער בוזים און די איינזאַמקייט צערייעט זיינע ווייטיקן, צערייעט און צערייעט און צערייעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייט אין מזרח פון דאָרף לייגט זיך אויס אַ ווייסער פּאַס אויפן הימל, דער מילכוואַלקן. גרויע שטילקייט נעמט אַרום דאָס דאָרף וואָס שלאָפט נאָך דעם שלאָף פון באַלדיקן דערוואַכן. די פייגל צוויטשערן שוין זייער באַגינען־צוויטשערן. אָטעמס פון זיסער פרישקייט, פון דער ערד אויפהויבנדיקער פרישקייט פון טוי ליגט און שוועבט לאַנגזאַם אַרום, אַרום און אַרויף און אַראָפּ.

פון די קומענעס הויבט אָן דער רויך אַרויסצושטראָמען און ווערט צעגאַנגען אין דער שטייגנדיקער קלאָרקייט שוין. פון אַ קרענעצע — פון אַ הויף ערגעץ — טראָגט זיך דער קלאַנג פון

א קייט וואָס שלעפּט דאָס וואַסער אַרויף; אַ קו מוקעט אויס „אוואו" — איר לאַנגן מוק נאָך וואַסער; אַ פערד-געקלאַפּ פון אומגעדולד, אָדער הונגער דערהערט זיך; ערגעץ־וואו קרייעט אַ האָן... דאַן ווידער שטיל. ווידער איינציקע, פאַרלאָרענע, פון ווייטן-קומענדע שטימען, פראַגמענטאַרישע, פאַרמישט פון חיה און מענטש, צעלייגן זיך, צעטראָגן זיך, און ווערן פאַרלאָרן אין אויפגייענדיקן מאָרגן.

ערגעצוואו סקריפּעט אַ טויער, פּויערים פאָרן אַרויס אין די פעלדער; די נאַכט ליכטיקער, דורכזיכטיקער, הויבט זיך אויף און פאַנגט אָן צו פאַרשווינדן... מאָטל זיצט ביים לאַנגן טיש מיט דער גאַנצער פּויערים פאַמיליע און עסט מיט אַ גרויסן הילצערנעם לעפל פון דער פאַמיליען-שיסל; דאָס לעמפּעלע פאַררויכערט, וואַרפט אַ ציטערדיקן שיין איבער דער שטוב, דאַן ווערט דער שיין בלאַסער און בלייכער, דער מאָרגן ווערט ליכטיקער... אימיצער בלאָזט אַרויס דאָס ליכט פון קליינעם קאַניצל... די באַלעבאָסטע ציט אַרויס פון אויוון דאָס לעצטע, פּאַקט איין איעדן וואַרים ברויט מיט עפּל:
גאָט איז מיט אייך!...

אַלע גייען אַרויס פון דער שטוב; דער אַלטער פּויער מיט די ברייטע, געזונטע פּלייצעס און גוטמוטיקע, תמיד-לאַכנדיקע אויגן קלאַפּט מאָטלען אויף די פּלייצעס און ווייזט זיינע געזונטע, לאַנגע ציין:

„פאַרנאַכט ברענג מיין שנעפּסל. זאָלסט ניט פאַרגעסן!"... ער שקירעט אַ פאַרשעמטן, נאַאיוון שמייכל.

מאָטל האָט גענומען ביי אים דאָס געלד און געשמייכלט, עפּעס אַזאַ מאָדנע שמייכל אויף מאָטלס ליפּן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס מעקען פון די שאָף צעהילכט דעם מאָרגן. ווייסע און שוואַרצע לעמלאַך, ווי אַ ים פון וואָל, וויגן זיך אויף די שליאַכן צו די לאָנקעס. אַ הונט פון פאָרנט און צו דער זייט; מאָטל גייט פון הינטן און אים דוכט זיך אַז ער וואַנדערט ערגעץ אין אַ מדבר און הערט דעם זאַמד-שאָרך אונטער זיינע פיס.

זאַמד און הימל, הימל און זאַמד. וואָס פאַר אַן אומענדלאַכ־קייט.

קיין מענטש ניט נאָענט, ניט ווייט; נאָר ער אַליין איז איינזאַם, אַליין אין ווייטן רוים. זיין נשמה בלוטיקט מיט אַלע ווייטיקן אין בענקענישן נאָך מענטשן אין דער אומענדלאַכער בלויקייט פון רוים. ער ווערט פאַרטרוקנט, פאַרדאַרט אין זיין בענקען...

און פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ מענטש, ווי פון זאַמד אַרויס־געוואַקסן פאַר זיינע אויגן, און שטייט ווי אַ וויזיע, מיט אַראָפּ־געלאָזענע הענט און פאַרמאַכטע אויגן.

און ער צעעפנט לאַנגזאַם זיינע אויגן און קוקט אויף מאָטלען. אים ווערט אַזוי לייכט, אַזוי פריי, וויסנדיק אַז אימיצער איז מיט אים. אַ מענטש געפונען, ענדלאַך פריי!... נאָר יענער צעעפנט וואָס ווייטער זיינע אויגן אַלץ גרעסער און זיי פילן זיך מיט אַמאָל אָן מיט אַן אוממענטשלאַכער שרעק און מורא. ער שטרעקט אויס זיינע הענט ווי אַפּווערנדיק מאָטלען פון זיך, און ציט זיך לאַנגזאַם צוריק, און צוריק אַלץ ווייטער און ווייטער אין דער מדבר אַריין. און מיטאַמאָל פאַנגט ער אָן צו לויפן, צו לויפן אַזוי אַז דאָס זאַמד שפּריצט ווי פייער אַרום אים, אין דער לופט אַריין און קרייזלט זיך, און קרייזלט זיך מיט געשריבענע ווערטער אין דער לופט, מיט פייעריקע אותיות: „אַ קריפּל, אַ קריפּל״!... און ווערט אין גאַנצן פאַרשוואונדן, נאָר ערגעצוואו זינגען די פייערן מיט ברענענדיקע מעלאָדיעס ווייטער, אָן מיט־לייד ווייטער: „אַ קריפּל, אַ קריפּל, אַ קריפּל!״...

און מחנות מענטשן קומען, וואַקסן אַרויס ווי שטערן אויפן הימל, לויפן צו אים צו, צו מאָטלען, ווי פון איינזאַמקייטן פאַר־בענקטע אַרויס, מחנות׳ווייז... און פאַר אים בלייבן זיי שטיין — ווי פערד אינמיטן לויף — און פאַלן צוריק: אַ קריפּל, אַ קריפּל, אַ מענטשן־פאַראַכטעטער! מאָטלען צאַמט אַרום אַזאַ פינצטערע מורא, אַזאַ אומהיימלאַכער שרעק, ווי אין אַ שיינעם טאָג וואָלט פּלוצלונג ווערן דער הימל טונקל־שוואַרץ און שטורם־שוואַרץ. ער האָט מורא פאַר זיך אַליין. וואָלט זיך וועלן אַרונטערשאַרן פון זיין איך; און ער האַלט איין זיין אָטעם ווי אויף עפּעס וואַרטנ־

דיק, אויף עפּעס אַ ווילדס, אַ שרעקלאַכס — אָדער אויף אַ וואונדער...

און ער וואַרט...

ער קוקט זיך אַרום ווי אַ מענטש, וואָס האָט די אייביקע עמפּפינדונג אַז ער וועט שטאַרבן אויס מאַנגל אין לופט, אין אַ לופט־לערן רוים, און פּלוצלונג רייסט זיך פון זיין גאַרגל אַרויס אַ געשריי: יאָ שטאַרבן, שטאַרבן, נאָר פריי, פריי!

און ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיינע שאָף און זיך אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד און אָנגעפאַנגען כליפּען. זיין וויינען איז געלעגן שווער איבער דער פרישקייט פון באַגינען... זעלטן ווען האָט אַזוי געוויינט אימיצער דאָ אַזוי... אים ציט צו מענטשן, און וואָס מער עס ציט אים אַלץ מוראַ׳דיקער גייט ער אום מיט זיי... פאַרוואָס הערן זיי ניט זיין שריי, נאָך זיי? וואָרום ווייסן זיי ניט פון זיינע שלאָפלאָזע נעכט, פון זיין וואַרפן זיך אויף דער פּריטש אין שטאַל אין די לאַנגע ווינטערנעכט, מיט דעם טונקל־שווערן שריי: מענטש!...

אַמאָל, אין אַזאַ נאַכט איז ער אַריינגעלאָפן צו וואַסיאַן, דער בלינדער מיידל, וואָס איז געשלאָפן אין דער צווייטער שטאַל; ער איז צוגעפאַלן צו דער ערד לעבן איר בעטל און איר אַראָפּ־הענגנדיקע האַנט אין זיינע הענט גענומען. ווען ער איז שטונדן אויף דער ערד געלעגן, ווען אים איז נאַס און קאַלט געוואָרן און זי האָט זיך אַלץ ניט גערירט, האָט עס אים אָנגעפאַנגען וואונדערן. ער האָט אָבער דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט, אַז דער איינציקער מענטש, וואָס פלעג אים אַמאָל גלעטן איז טויט, איז געשטאָרבן; די, צו דער וואָס ס׳האָט אים געצויגן און אָפּ־געשטויסן פון איר; געצויגן פאַר איר צערטלאַכקייט צו אים, און אָפּגעשטויסן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זי זעט אים ניט, זי איז בלינד...

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און געמאַכט אַ פּויסט און מיט איר אין ערגעצוואו געסטראַשעט... נאָר זיין האַנט איז אַ שוואַכע אַראָפּגעזונקען... זיינע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין זוכעניש נאָך אַ לויכט־טורם אויף דעם גוואַלטיקן ים פון מענטשלאַכער פאַראַכטונג...

מאָטל האָט זיינע שאָף צוזאַמענגעטריבן און זיי צוגע־טריבן צו אַנדערע, פון די וואָס ווערן געפּאַשעט פון פּאַסטוכער אין זעלבן עלטער. ווען ער איז צוגעקומען צו זיי אַ פּאַרסאָ־פּעטער, אַ מורא׳דיקער, און דאָך מיט אָנגענומענעם מוט, האָבן זיי אים אָנגעפּאַנגען טרייבן פון זיך. מענדל, דער אידישער פּאַסטוך איז צו אים צוגעלאָפן און אים אַ פּוס אונטערגעשטעלט. מאָטל איז געפאַלן און געלעגן אויף דער ערד: טרערן האָבן זיך לאַנגזאַם פון זיינע אויגן אָנגעפּאַנגען גיסן...

און זיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט וואָס ער אַליין האָט אפשר ניט פאַרשטאַנען: טויטעט מיך, טויטעט מיך, אַזוי ווייטער לעבן קען איך ניט. ניין, איך קען ניט!

די פּאַסטוכער זיינען זיך צעגאַנגען, אַוועקגעגאַנגען פון אים און מאָטל איז געלעגן מיט זיין פּנים צו דער ערד און אַלץ נאָך געמורמלט: איך וויל מיט אייך גיין, איך וויל אַליין ניט בלייבן דאָ... נאָר פּלוצלונג האָט ער דערפילט אַ האַנט איבער זיינע האָר גלעטן, לייכט און צאַרט, די האַנט פון איוואַנקאַ. ער איז געלעגן און זיך ניט געטרויט זיין פּנים אויפצוהויבן, דענקענדיק אַז דאָס איז די טויטע וואַסיאַ. ער האָט געהאַט דאָס געפיל אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט זיינע אויגן אויפהייבן, וועט אַלץ צערונען ווערן... און אַ פּוסטקייט וועט בלייבן אַרום אים און לויערן מיט איינזאַמקייטן...

— קום, — האָט אַ שטים געמורמלט; — קום, מיר וועלן ביידע צוזאַמען פּאַשען, דו און איך, נאָר דו און איך. — ווען ער האָט זיין קאָפּ אויפגעהויבן האָט לעבן אים געקניט איוואַנקאַ, דער זון פון אַלטן מעשה׳לע דערציילער...

ביידע זיינען פון דער ערד אויפגעשטאַנען און האָבן זיך אין די אויגן געקוקט, אין די אויגן געקוקט, לאַנג און שטיל. מאָטל האָט זיין קאָפּ מיט אַמאָל פאַרוואָרפן ווי אַ פאַר׳חלומ׳טער, אַרומ־געכאַפּט איוואַנקאָן, ווי אַ לעצטע האָפנונג פון אַ טרונקנדיקן, און האָט אָנגעפּאַנגען צו וויינען, אַ וויינען וואָס דערלייכטערט, וואָס דערהויבט, וואָס באַפרייט צו צייטיקייט פון האַרציקער פרייד...

איוואנקאַ האָט פאַרשעמט זיינע האָר געגלעט און געוואָלט באַרואיקן מאַטלען, וואָס האָט געוויינט, זיינע אויגן אָבער, האָבן אין ווייטע, ווייטע ווייטן געגלאַנצט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג ליגט אַ מידער און סאָפּעט אין היץ. די פעלדער, די ברייטע, די הערלאַכע, די מיט אייביקער ברכה באַשאָנקענע, אָטעמען שווער. די הייליקע ערד, וואָס הייליקט די מענטשן מיט שוויים אויף זייערע פּנים׳ער, הייליקט די גראָבע, די געזונטע מיט מאָזאָליעס פאַרוואַקסענע הענט.

פּויערים ליגן אויף די פעלדער און עסן זייער מיטיק; פּריש ברויט, וואַסער און פּרוכט, און שווייגן מיט פריידליכטיקע אויגן; אינמיטן שלענגלט זיך דער שליאַך און צעטיילט דאָרף מיט דאָרף, שווער סאָפּעט דער וועג איבער פעלדער, מאָהילניקעס און טאָלן, ביז ער פאַלט אריין אין גרעסטן טאָל פון דעם געגנט און רוט זיך אויס, אַ מידער דאָרט, דאָרט איבער דעם טייכל, אויפן בריקל וואו צוביידע זייטן וואַקסן אין דער הויך שלאַנק, פול און מעלאַנכאָליש, פּולע ביימער, וואָס שניידן זיך אין דער בלוי אריין...

אויף ביידע זייטן פון שליאַך וואַקסן די ביימער און פאַראייניקן זיך אין דער הויך, וואַקסן ווי פון אויבן אַראָפּ. און ווייטער, ווייטער שפּרייטן זיך די לאָנקעס אין טאָל מיט די ווייכע גראָזן און אויף זיי, ווי אַ ים, וויגן זיך, הויבן און פאַלן זיך כוואַליעס פון וואָל.

דאָ אין טאָל איז שטיל, איז תמיד שטיל, אַן אומעטיקע שטילקייט, אַ פּייכטע שטילקייט ווי אין אַ קבר, ווי אַ קבר אויף דעם בליענדן לייב פון מוטער־ערד... אומציילִיקע ראָבן־נעסטן, אומציילִיקע ראָבן הויבן זיך אַלץ אויף און קומען ווידער צוריק מיט זייער טונקל־טונקל קרעכצן, פליען אויף און קומען צוריק, אַן אור־אייביק בילד, אַ פּאַנאָראַמאַ פון נאַכט אין העלן טאָג... קוקט מען פון באַרג דערנידער, וואו וועגענער שלעפּן זיך אַרויס פון דער טונקעלער אַלייע, דוכט זיך ווי לעבעדיקע באַשעפעניש ציען זיך לאַנגזאַם אַרויס פון אַ מויל אָן ציין. און איבער זיי, איבער דער טויטער אַלייע פליען די ראָבן אַרום און אַרום אומ־

רואיק, ווי א מת ביי דעם קימפּעטבעט, און זיי קרעכצן און קרעכצן... דער שליאַך וואַנדערט אָבער ווייטער, ווי גאָרניט, אַרויף און אַראָפּ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שטילקייט אָטעמט מיט טרויער און איינזאַמקייט. מאָטל ליגט אין דער טויטער אַלייע און חלום'ט זיינע טרוימען. עס חלום'ט זיך גוט און לאַנג, אַז מען ווייסט אז אימיצער איז אויף דער וועלט פאַראַן, וואָס ליבט אונדז, ליבט אונדז אָן מיטלייד, אָן א פּראַקטישן הינטערגרונט, איינער וואָס ליבט אונדז ווייל ער מוז.

איוואַנקאָ איז געלעגן ניט ווייט פון מאָטלען און געשניצט פון ווערבע־שטעקעלאַך א פייפל און זיך געזונגען א לידל, א טרויעריקן ניגון, די טרויעריקע אוקראַאינישע מעלאָדיעס.

. . . ווייסט, מאָטל, ווען איך וועל אַזוי אַלט זיין ווי מיין פאָטער, וועל איך צו אַלע אָרימע דאָס געלט אַוועקשענקען, און איך וועל אַרויספאָרן אין די וועלדער און לעבן דאָרט ווי דער „באָרוועסער" (מאָנאַך)... אין גרויסע שנייען וועל איך צו די רייכע קומען... און זייער געלט נעמען פאַר די אָרימע... אַלע אָרימע וועלן אַזוי גליקלאַך זיין... און ווייסט, די אַלטע ניקאָ־לעכע, איר וועל איך א סך געלד געבן... דאַן וועט זי ניט מער קראַנק זיין...

זיינע אויגן האָבן געשיינט מיט א קינדיש ריינעם פייער פון באַגייסטערונג. ער האָט געקוקט אין ווייטע ווייטן, ווי זע־ענדיק ערגעץ ווייט, ווייט א וואונדערלאַנד פון ליבע און קינדישן גלויבן — ווי זיין פאָטער, דער מעשה'לע דערציילער, האָט אים אויסגעמאָלן דאָס לאַנד פון ליבע. א וואונדערלאַנד וואו קריפּלס זיינען קיין קריפּלס ניט, וואו מענטשלאַכס אָפּלאַכן, וואו מיט־לייד און עלנט זיינען פאַרשוואונדן...

אפשר האָבן פאַר זיינע אויגן געבליט מאַרמאָר פּאַלאַצן, זיילן פון גראַניט, געבויטע פון דער פאַנטאַזיע, פון זיין פאָ־טערס דערציילונגען, פון די וואָס זיין פאָטער פלעגט דערציילן אין אָוונט פאַר די קינדער אויף זיין אייגנטימלאַכן אופן? אפשר ווייסט ער אַליין ניט וואָס זיינע אויגן זעען ערגעצוואו? אפשר

זינגען די אוקראַאינישע מעלאָדיעס טרוימען פאַר זיינען אויגן אוים... אפשר זעט ער טאַראַס בולבאַן אויפשטיין פון קבר, — ניט דעם קריגער, נאָר דעם מענטש, וואָס ליבט די מענטשן, וואָס ווייסט ניט קיין אונטערשייד פון אַ גרינעם ביז אַ געלן שטיין (גרענעץ־שטיין)... אפשר ?... אפשר !...

אַ סך מאָל פלעגט ער טרוימען פון מענטש זיין, אפילו ער האָט דאָס וואָרט ניט פאַרשטאַנען, האָט ער געפילט אַ גוואַלטיקן רויש אין זיינע אָדערן שטראָמען: מ ע נ ט ש !

ווי ברייט זיין האַרץ איז געוואָרן, ווי זיינע אויגן האָבן געשיינט און ווי זיינע הענט האָבן זיך געבעטן צו צעעפענען פאַר דעם איינציקן וואָרט: מענטש ! „פּריסטער" — פלעגן די פויערים גוטמוטיק איבער איוואַנקאַן שפּאָטן, נאָר אַלע האָבן אים ליב געהאַט, דעם יונג מיט די געקרייזלטע שוואַרצע האָר און בלוי־פאַר'חלומ'טע אויגן. —

— זיינע אויגן האָבן געקוקט אין פרילינגס־ווייטן; מאָטל איז געלעגן מיטן פנים אַרויף און זיך צוגעהערט צו די מעלאָדיעס און ווייכן שמעלץ פון איוואַנקאַס שטים. זיינע ווערטער האָט ער ניט געהערט, ניט פאַרשטאַנען. ער האָט גע'חלומ'ט זיינע אייגענע טרוימען, זיין חלום פון העלד...

. . . מחנות, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג זעט, — ברייטע, פלאַכע פעלדער, אויף די פעלדער אין בלויע מונדירן מיט גלאַנצנדיקע קנעפלאַך אין זון בליצנדיקע סאָלדאַטן, זעלנער אָן ענד, אָן סוף. און זיי מאַרשירן מיט איין שטאַרקן, ווייט אָפּהילכנדיקן טראָט: איינס־צוויי, איינס־צוויי !.. מאַרשירן און זינגען צום טאַקט אַ לידל (ער פילט כמעט די ווערטער) און אויפן שפּיץ פון אַלע, אויפן סאַמע אָנפאַנג אַ הערלאַכער רייטער מיט בליאַסקנדיקע שטיוול, אַ שלאַנקער, אַ געזונטער בחור און שיין ווי אַ גאָט.

ער זעט דעם אָפיציר שמייכלען, ער פילט אים עפּעס מורמלען. און ער קוקט זיך צו נאָענט און נעענטער צו אים אין דערקענט זיך, זיך מאָטל יונגנמאַן, אפילו ניט מיט זיין איצטיקן פנים. — נאָר דאָס מאַכט ניט אוים, דענקט ער — ער זעט זיך נאָר שלאַנק אויף דעם פערד זיצן, זיך מאָטלען. און פון ער־

געצוואַו, ווי פון הימל ארונטערגפאלן, אָדער אויסגעוואַקסענע פון דער ערד, באַווייזן זיך זעלנער, אַן אַ צאָל, אומגעציילטע, זיינע „פיינד”...

און — פאַנצער צו פאַנצער שלאָגט זיך צונויף, שווערדן בליצן, זיינע אויגן בליצן, בליצן...

מענטש און פערד אויסגעמישט, וואַלגערן זיך צוזאַמען אונטער די פיס, בלוט־שרייענדיק, גוואַלטיקנדיק, נאָר ער, מאַטל, ער הערט ניט, ער קעמפט מיט בליצנדיקע אויגן, ער קעמפט ביז צו דעם לעצטן מאַן... און ער בלייבט דער איינציקער און לעצטער אויפן פעלד פון טויט דער איינציקער אויפן פערד מיט בלוטבאַשפריצטע קליידער. אים אַרט נאָר אביסל וואָס זיין הערלאַכער מונדיר איז באַשפריצט. נאָר ער דערמאָנט זיך, אַז די העלדן זיינען תמיד מיט בלוט באַשפריצט, אַז עס איז אַן ערע. ווישט ער אָפּ זיין שווערד פון בלוט און זעט זיך ווייטער גרויס און גוואַלטיק פאַרשווינדן אויפן ראַנד פון האָריזאָנט.

און ער הערט דאָס געוויין פון די פאַרוואונדעטע, — נאָר זיי זעען ניט זיין הערלאַכן מונדיר מיט בלוט באַשפריצט, אפילו אַז ס'איז אַן ערע — זיי זעען ניט, ניין !...

. . . אָדער . . .

. . . מחנות, ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט, אַזוי ווייט מחנות פון אָפּגעריסענע, צעבלוטיקט־פאַרבלוטיקטע, הונגעריקע, קייכנדיקע מענטשן, בלינדע, פאַרהויקערטע, הוסטנדיקע ; אַלע פאַרקריפּלט, צעקריפּלט, פאַרלייזיקטע, זיך קוים־קוים אויף די פיס האַלטנדיקע וואַנדערן ; אַ מידע, אַ שווערע קאַראַוואַנע פון עלנט צוזאַמענגענומען פון דער גאַנצער וועלט, פון דער גאַנצער וועלט, וואַנדערן אַן אַ ציל, אַן אַ ברעג, זייער אומענדלאַך שווערן וואַנדערן.

און ער, מאַטל, מיט אַ הערלאַכן מונדיר, אַ געזונטער, אַ שטאַרקער מיט שלאַנקע עלאַסטישע גלידער, מיט ווייטער ברוסט וואָס אָטעמט פריי, אין הערלאַכן זונשיין, אָטעמט איין די גראָזן — די וועלט איז אַזוי שיין, אַזוי הערלאַך פאַר אים...

די קאַראַוואַנע פון עלנט קוקט אויף אים מיט האָס. די קריפּלס, דענקט ער, פאַרגינען ניט וואָס איך בין געזונט...

וואַנדערן, וואַנדערן, — און ער פירט זיי, ער, דער איינציק געזונטער צווישן זיי...

. . . מאַטל קוקט זיך אַרום; דער הימל איז גרוי געוואָרן — ער פילט נאָך אביסל פרעמד פון זיינע מאָדנע טרוימען — מיט פאַרנאַכטיקע שאָטנס און רעגן־וואָלקן. און אַ ווילדער גרויזן כאַפּט אים פּלוצלונג אַרום; פון די ביימער פאַנגט אָן צו קאַפּען אַ פייכטקייט, די ערשטע רעגנטראָפּן; די ראָבן קרעכצן, פליען אויף און קומען ווידער צוריק און קרעכצן; די שאָף, מורא׳דיק, האָבן זיך צונויפגעקנוילט אין איין מאַסע — מאָטל איז צוגעפאַלן צו איוואַנקאָן און מורא׳דיק, מיט אַ הייזעריקן קול געפרעגט: ווארום זיינען ניט אַלע געזונט, איוואַנקאָ? ווארום?...

איוואַנקאָ האָט מיט פרעמדע, פון ווייטן צוריקגעקומענע אויגן אויף מאָטלען געקוקט און מיט אַ ווייכער שטימע גע־ענטפערט: די נאַכט קומט, מאַרטקאָ; קום, לאָמיר די שאָף אַהיימטרייבן; מיך בענקט נאָך מיין טאַטן, ער וועט שיינע זאַכן דערציילן, דערציילן פון צייטן ווען די ליבע וועט איבער די מענטשן קומען.

אין זיין שטימע איז געלעגן די פּראָפעטישע זיכערקייט וואָס קאָן נאָר ביי אַ קינד אַזוי נאַטירלאַך קלינגען;ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, די שאָף אַרויסגעטריבן אויפן וועג און געלאָזט זיך אין וועג אַהיימצו.

די הינט זיינען אַרומגעלאָפן און געהאַלטן אין צוים די שאָף...

די נאַכט איז מיט פולע ברוסטן איבער זיי געאַנגען און געזעטיקט די ערד מיט איר מילך, און זיי זיינען אַהיימגעגאַנגען מיטן טאָג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערגעצוואו אין אַ געסל פון קאָלאָמיי, פאַרוואָרפן, פאַר־שטופּט, שטייט אַן אַלט הויז. פינצטערקייט הויערט פון אַלע ווינקלען און פון אַלע ראָגן — ווי אַ קאַץ אויף איר אָפּפער צו שפּרינגען — אַזוי שטשירעט טונקלקייט די ציינער. פון ער־געצוואו ווי פאַרבלאָנדזשעט, ציטערט אַ בלינדער וועגלאָמפּ און וואַרפט זיין ציטערדיקן שיין אַרום. אַרום ווייטער איז פינצ־

טער, פינצטער און שטיל. קיינער גייט ניט, מען זעט שוין קיינעם ניט אין דער שעה פון נאַכט.

פּלוצלונג ווערט די שטילקייט צעהילכט; מידע צוויי מענטשן שלעפּן זיך פון מארק וואו זיי פאַרקויפן שוין איבער צוואַנציק יאָר עפּל.

וואָס וואַרט פאַר זיי אין הויז? ווער וועט זיי אַנטקעגן לויפן און אין זייערע בייטלען און קעשענעס פאַר אַ שפּילעכל אדער אַ נאַש זוכן? ווער וועט זיי, די מידע, מיט פריילאַכן געלעכטער אַנטקעגנלויפן?... קיינער, קיינער! קיינער נאָר די מידע פּוסטקייט פון איינזאַמען הויז, דער אומעט וואָס טריפט אַן אויפהער פון די ווענט; אַ קאַלטע קיך און שווייגן וועט זיי פאַרכטיק אַרומנעמען און באַגריסן, זיי די מאַן און ווייב.

אַמאָל איז נאָך ווי צו דערלײַדן געוועזן; ווען זיי זיינען נאָך אינגער געוועזן פלעגן זיי קריגן זיך, אין גוואַלד פון זייערע שטימען פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע זייער איינזאַמקייט, זייער בענ־קען נאָך אַ לעבעדיקן באַשעפעניש, אַ קינד — דערנאָכדעם איז זי שטיל געוואָרן, אָפּגעשטילט זיך, ניט געענטפערט ווען ער פלעגט שרייען. זי פלעגט אָנפאַנגען וויינען און אַרויסגיין אין דער צווייטער שטוב, ווייל דעמאָלט האָט זי זיך אָממייסטן דער־מאָנט אָן דער פּוסטקייט און ליידיקייט.

איינמאָל, ווען ס'איז אים געוואָרן שוין צו אומעטיק אַליין צו זיצן אין שטוב, איז ער אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער זען, וואָס זי טוט — אָדער אפשר זי איבערבעטן...

אין שטוב איז געווען פינצטער און קיל, עס האָט זיך געפילט עפּעס ווי שימל; ווען ער האָט געמאַכט ליכט האָט ער דערזען זי ליגן אויפן בעט און אַ פּופּע פון שמאַטעס איז געלעגן צוגע־דריקט צו איר ברוסט. ער איז דעמאָלט אַוועקגעגאַנגען און דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן זיין ווייטאַק אין שנאַפּס דער־טרונקען... פון דעמאָלט אָן אָבער פרוואווט ער ניט מער זיך צו זידלען מיט איר, ער שווייגט תמיד, ווען ער קומט אַהיים, שווייגט ער און שווייגט...

. . . זיי האָבן אויפגעמאַכט די טיר און זיינען אין צימער אַריינגעגאַנגען. פּוסטקייט האָט אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים;

זי האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ מיט פאררויכערטן גלעזל און זיך אוועקגעזעצט אין איר ווינקעלע פון שטוב, ווי תמיד. די שטוב איז געווען ניט צוגעקערט, די בעטן ניט פארבעט. צו וואס? פאר וועמען?...

ער האָט זיך שווער אוועקגעזעצט לעבן טיש און אָנגעפאנגען זיך צו גריבלען. די נאכט איז אַלץ שווערער און איינזאמער איבער זיי געפאלן, און געלעגט זיך מיט אַ פוסטקייט איבער זיי. זי האָט זיך שווער אויפגעהויבן און געמאכט פייער אין קיך. ער איז אַלץ אַזוי נאָך געזעסן און אין זיינע פינגער אַ טויטע פליג צופיצלט און געקלערט זיינע טעגלאכע שווערע, ניט דייטלאכע געדאנקען. און פלוצלונג איז אים אין קאָפּ אריין זיין ברודער, שמואל לייב יונגמאַן, זיין פארשטאָרבענע פרוי און אַליין געבליבענער אינגל. זיין ברודערס אָרימקייט איז אים אריין אין קאָפּ אריין, נאָר שנעל פארגעסן פון דעם. זיינע געדאנקען האָבן זיך אָנגעהויבן צו קרייזלען אַרום דעם דריטן מענטש אין דער פאמיליע דאָרט... אפשר... אפשר?

ער האָט זיך לאַנגזאם אויסגעדרייט צו זיין ווייב וואס איז געזעסן אַנטקעגן אים און שוין געגעסן:

— ווייסט, שיינדל, איך האָב געקלערט איצט פון שמואל לייבס ווייב, וואס איז געשטאָרבן... זיי זיינען אָרים... זייער אָרים... אפשר וואָלט ער מאָטלען?...

שיינדל איז מיט אַמאָל אויפגעשטאַנען פון בענקל און אָנגעפאנגען אַרומצוגיין איבער דער שטוב. אויך ער האָט זיך אויפגעהויבן, דער שווערער קלאָץ, און איז איר נאָכגעגאנגען איבער דער שטוב. די בריק האָט געסקריפּעט אונטער זיין טראָט, ווייל, דוכט זיך ער גייט זיכערער, ער שטעלט זיינע געזונטע לאַפּעס מיט נייער קראפט און זיכערקייט. און זיינען די ווענט ניט ליכטיקער געווארען? און דאָס צימער שענער, פולער און אָנגענעמער? זי האָט אויסגעבעט דאָס בעט, אויסגעקערט די שטוב, די שפּיגלען אָפּגעשטויבט, און זי האָט דאָס געטאָן וואָס זי האָט שוין פאר וואָכן ניט געטאָן: זיך פארקעמט די האָר. און אַ פרייד, אַ שטילע, נאָך ניט גענוג אויסגעשוויגענע, נאָך ניט צייטיקע, האָט זיי אַרומגענומען און די שוין ווייט ווייטע דער־

נענטערט איינס צום אַנדערן; זי האָט געבעטן נאָר איין בעט פאַר דער נאַכט. ער האָט שווער געטרייסלט מיט זיין קאָפּ און דוכט זיך געוואָלט פאַרבייסן אַ שמייכל.

דער פרימאָרגן האָט זיי געטראָפן שוין שטונדן וואַרטנדיק אויף דער באַן...

— —

מאָטלען איז שווער געווען זיך צו צוגעוואוינען אין שטאָט. אַלץ איז אים פרעמד און אָפּשרעקנדיק פאָרגעקומען. דער רעש פון מארק, וואו זיין פעטער האָט עפּל פאַרקויפט, די קריגערייען, די געשלעגן, אַלץ האָט אים געסמראַשעט, געדראָט. ער איז אַרומ־געגאַנגען אַ פרעמדער, אַ טרויעריקער, ווי איינער וואָס באַ־לאַנגט ניט אַהינצו און אָפּטמאָל פלעגט ער זיך אַרויפוואַרפן אויפן בעט און אויסברעכן אין אַ ביטער געוויין, זיך דערלייכטערן מיט זיינע טרערן... אים האָט זיך געבענקט נאָך זיינע פעלדער, נאָך דעם פרייען אָטעם און שטילקייט פון דאָרף. דאָ, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, איז ניט גענוג לופט פאַראַן פאַר אים. עס פלעגט אים שטיקן דאָרט. זיין פעטער האָט אים אַ סך מאָל גע־פּראָוווט טרייסטן... נאָר וואָס האָט דאָס געהאָלפן?

אָט, מיט אַ פּאָר שטונדן, ווען אַהיימקומענדיק, האָט ער דער־הערט איינעם פייפן: ס'איז געווען אַ בעטלער אָןביידע פיס וואָס איז געזעסן און געפייפט, אפשר איז ער אויך בלינד געווען — ווייל ווער זיצט אַזוי שפּעט אין דרויסן? דער שניידנדיקער ווייטאָק וואָס איז פאַרבליבן אין מאָטלען פון בעטלערס פייפן האָט אים אוועקגעטריבען צום פרוט. דער פרוט איז געלעגן איין שווערע, דורכט זיך, אומבאַוועגלאַכע מאסע; וואו אַ לאָמפּ האָט געברענט איז דאָס וואַסער לייכט קרייזלדיק געשטאַנען און עפּעס געצויגן צו זיך...

ניין... ניין!... ער איז אַ פאַרסאָפּעטער אַהיימגעגאַנגען און געציטערט איבערן גאַנצן לייב.

און ווידער האָט אים געצויגן אַרויסצו, צו די פעלדער, און מיט אַמאָל איז אַ געדאַנק אים געקומען און געשטעלט זיך אינ־מיטן קאָפּ: נאָכאיינמאָל אין פעלד זיין, איינמאָל פילן דאָס טרוקענע היי אין זיינע פינגער, ווייכע, וואַרימע ערד; ער וואָלט

געזונט געוואָרן, זיך געטרייסט... א קליינער געדאַנק אין הינ־טערגרונט האָט גענישטערט און געמאַניעט... אפשר?...

און ער האָט גאָרניט ניט געזאָגט נאָר ארויסגעגאַנגען פון הויז און זיך פארלאָרן אין דער פינצטערניש... אַלץ ווייטער איז די שטאָט צוריקגעגאַנגען אונטער זיינע פיס, און מיט אמאָל האָט ער אָנגעפאַנגען צו לויפן, ווי אימיצער זאָל אים נאָכלויפן, נאָכיאָגן. ווי אימיצער זאָל מיט א וויינענדיקער שטימע אים צוריקבעטן, ציען צוריק...

דאָרף נאָך דאָרף איז צוריקגעבליבן אין דער פינצטערניש הינטער אים; הינט ערגעץ האָבן אים נאָכגעשיקט זייער אין דער נאכט זיך פארלירנדיקן וואָיען... דאַן שטיל; אָטעם פון רוענדיקע פעלדער, מורמלענדיקע טייכלאַך; ער האָט זיך אוועק־געזעצט און אויסגערוט און ווייטער געגאַנגען און ווידער אויס־גערוט. די נאכט איז נאָך געהאַנגען שווער און פול איבער זיין קאָפּ ווען זיין דאָרף (זיין דאָרף, וואָס פאַר א גליק אין זיין שטימע ליגט) — האָט זיך אָנגעפאַנגען ארויסצושיילן פון גרוי־ווערנדיקן הימל.

א טויט־מידער איז ער אוועקגעפאַלן לעבן דער טויטער אַלייע, וואו ער פלעגט פאַשען די שאָף מיט איוואַנקאָן, דעם „פריסטער"...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דער מזרח זייט ווי אויסגעגאָסענע, צעמישטע רעגנטענער, גיסן זיך, רינען די ערשטע גרויסע שטרייפן, פארמישט מיט גאָל־דענעם ליכט, ווי א סימפאָניע דערנידער. די שפּיצן פון בוימער, פון מאָהילניקעס גלאַנצן און שפּילן זיך מיט די גאָלדענע שימערן פון ערשטן זונשטראַל. די קרוינען פון די פולע בוימער רוישן עפּעס געהיימניספול שווער מיט א זיסקייט פון נייעם, דער־וואכטן לעבן. די פייגל הויבן אָן צו צווויטשערן ווי פון א חלום ארויס, פון עפּעס ווייטער שטילקייט. דאָס וואַסערל בולקעט פאַר'חלומ'ט, איבעראַל איז שטיל...

מאָמל כאַפּט זיך אויף פון דרעמל אויפן פעלד און קוקט זיך פארוואונדערט ארום: עפּעס פרעמד און דאָך אַזוי נאָ־ענט באקאנט... וואו בין איך — דענקט ער. און ער קוקט זיך

ארום ביז לאַנגזאַם, גאַנץ לאַנגזאַם הויבט אָן צו דעמערן, אויפ־צודעמערן אין אים די ערינערונג פון נעכטן, פון אַלע די גרויע טעג אין שטאָט. און פּלוצלונג איז אַ ציטער איבערגעגאַנגען איבער זיין גאַנצן לייב: היים! אינדערהיים!...

און ווי בעטנדיק די ערד אנטשולדיקונג איז ער צוגעפאַלן צו איר און זיינע נעגל אריינגעגראָבן אין דער ווייכער וואַרעמער ערד און זי אין זיין האנד גענומען און אָנגעפאַנגען צו גלעטן. און דאַן האָט ער זיינע ציינער אריינגעביסען אין דער ערד און אָנגעפאַנגען צו רעווען, אַ ווילד רעווען, עפּעס אזוינע אומאַרטיקו־לירטע קלאַנגען, ניט קיין ווערטער, נאָר איינצלנע טענער, ווילדע, הייסע ווי פון אַ וואַסערפאַל וואָס קאַטשעט זיך איבער אַ סך אומרעגלמעסיקע שטיינער. און ער איז ווידער צו דער ערד צוגעפאַלן און זיך אויפגעהויבן און אָנגעפאַנגען לויפן... אַ ווילדע, קיינמאָל ניט געקענטע פרייד איז אין זיין גאָרגל געלעגן און זיך געשטופּט אין דרויסן ארויס, ארויס צום ליכט, ארויס צום פרי־מאָרגן, דעם קלאָר שטראַלנדיקן, ארויס צום נייעם לעבן. . . פון ווייטן האָט זיך באַוויזן איוואַנקאָ מיט זיין טשערעדע שאָף...

נויארק, סעפּטעמבער, 1927.

דער לעבעדיקער מת

1

מענדל איז געשטאַנען אין רעסטאָראַן און געשמייכלט אַ קינדיש אומפאַרשטענדלאַכן שמייכל.

ער האָט געשמייכלט ווי אַ קינד; ווי אַ מענטש, וואָס גלאָצט אין דעם גרויסן גאָרנישט און קלערט אָדער פּילט בלויז, פון אַ בילד וואָס איז אין דערזעלבער צייט מיט אַן אונטערטאָן פון אַ שטיל לידעלע צוגעדעקט, אָדער פּשוט ווי איינער וואָס שמייכלט, ניט פילנדיק, ניט דענקענדיק; ער שמייכלט...

אומפאַרשטענדלאַך, פרעמד און זיס...

ער האָט אַלץ געשמייכלט ווען מענטשן, אַ ווילד־געוואָרענער גוף פון פרויען, קינדער און מענער האָבן זיך געשטופּט צו אים און אים געוואָלט לינטשן, ווייל ער, מענדל האָט זיין פריינט, זיין אַלטן לערער ערשט ניט לאַנג געטויט.

ווערטער זיינען ווי שטאָל־פייגל אין דער לופט געפלויגן, ווי בלעך־טאַצן זיך צונויפגעקלאַפּט און שווער, און וואוכטיק אויף זיין קאָפּ אַראָפּגעפאַלן. נאָר ער, דוכט זיך, איז געווען אין אַ פאַנצער־העמד אָנגעטאָן, אַ חוץ דעם וואָס די דעטעקטיווס האָבן מיט זייערע קערפער און געצויגענע רעוואָלווערן, דעם אין בייז־קייט פאַרשמאָלצטן, פאַרייניקטן מענטשן־גוף צוריקגעהאַלטן; די ווערטער אָבער, די פרייע, האָבן אים גאָרניט געקאָנט טאָן. ער האָט זיי געהערט, זייער באַדייטונג ניט פאַרשטאַנען. ווי דאָס רוישן פון וואַסערן וואָס ליאַרמען ווייט, ערגעץ ווייט האָבן זיך זייערע ווערטער צו זיינע אויערן געטראָגן, און ווי פּלוצ־לונג אָפּגעשטאָרבענע פייגל צו זיינע פיס אַראָפּגעפאַלן; ווי מוזיק פון אַ קאַפעליע, וואָס שפּילט אין פאַרלאָרענע ווייטן, נאָר וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען; ווי אַ קרוינונגס־מאַרש, אָדער

אַ טויטן־מאַרש — גאַנץ ווייט ערגעץ. ער האָט זיי ניט פאַר־שטאַנען... ווי אַ טויטנמאַרש ?...

יאָ, יאָ, ווי אַ טויטנמאַרש, האָט ער זיך שטיל־טרויריק געוואונדערט.

ווי אַ טויטנמאַרש, האָט ער געמורמלט, ווי איינער וואָס וויל עפּעס וויסן נאָר ער איז צו פויל זיך פון זיין באַקוועמען פּלאַץ אויפצוהויבען.

ווי אַ טויטנמאַרש !...

די פּאָליציי איז געקומען און האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דעם איבערגעפּאַקטן רעסטאָראַן ; דורכגעשטופּט, געשפּאָלטן דעם סענזאַציע־זוכנדיקן מויער און אים אין דעם פּאָליציי־וואָגן אריינ־געפירט.

ווערטער זיינען אים נאָכגעלאָפן, נאָכגעלאָפן ווי שווערע שטיקער שמוץ, און פאַרפעסטעט, פאַרשטונקען די גאַס.

מענדל איז זיך פאַרקראָכן אין אַ ווינקעלע פון דעם וואָגן, זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט און זיין אָטעם איינגעהאַלטן. זיין אָטעם איינגעהאַלטן ; און אין זיין קאָפּ איז מיד און שווער אַ צווייליכט־שטימונג אַרומגעגאַנגען. זיס, מיד און טרויעריק האָט אַ קאַפּעליע אַרומגעוואַנדערט און געמורמלט, געזונגען, געזונגען, געמורמלט מיט די לייכט און ווייך לויפנדיקע רעדער ; „אַ טויטנ־מאַרש — אַ טויטנמאַרש”...

זיין שמייכל איז טיפער געוואָרן און טיפער...

2

נאָך אַלס קינד איז ער געווען שטיל און צוריקגעצויגן.

ווי פאַר מענטשן מורא געהאַט, זיך אין אַ ווינקעלע פאַר־קראָכן און געשוויגן, תמיד געשוויגן. ווערטער זיינען צו אים געווען אַ ציר־זאַך, וואָס מען באַנוצט זייער זעלטן : צו אַ גרויסער פרייד, צו אַ וויכטיקן אַרויסגאַנג.

די קינדער פלעגן אים שלאָגן און מיט אים האָבן מיטלייד. ער איז געווען אַזוי צאַרט, צעברעכעוודיק ווי אַ קליין שפּילעכל. אין דער שולע איז ער געווען איינער פון די, וואָס שטופּן דורך

די קלאַסן; נאָר דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט אַ גוטע קאָפּ און אַ קלאָרן זכרון; זיינע געדאַנקען זיינען אימער אַרומגעגאַנגען אין ווייטע ווייטן, געבלאָנדזשעט אויף די צייללאָזע, באַוואַקסענע סטעזשקעס.

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך תמיד פעלדער ווי כוואַליעדיקע ים'ען, געל־גרין און בלוי געוואָגלט. און די זון האָט געשיינט דאָרט, אימער געשיינט דאָרט, אויף זיינע פעלדער און געצויגן אים אין די איינזאַמקייטן. ער פלעגט זיך אוועקזעצן אָפטמאָל אונטער דעם בוים פאַר זיינע פענצטער און חלומ'ען פון אומענדלאַכע פעלדער, חלומ'ען מיט זיינע ביכער דרעמלנדיק אויף זיין שויס.

דורך די נעכט פלעגט ער לייענען. לעזן ביכער וואָס האָבן אים באַרוישט און געטומלט. די ביכער פלעגט ער אַרויסגנב'נען פון זיין פאָטערס ביבליאָטעק; די פענצטער פאַרהענגען און לייענען; טרינקען די זיס און שווערע ווייַנען פון דער שיין־גייסטיקער ליטעראַטור.

די לייכטע ביכער האָט ער פרי אַוועקגעוואָרפן; זייער ווייַן איז צו שוואַך פאַר אים געווען; ער האָט שוין דעם סוף געוואוסט נאָר אָנפאַנגנדיק צו לייענען זיי...

אינדערפרי פלעגט ער דאַן אויפשטיין אַ מידער; אַ גליקלאַכער אין דער שולע גיין און לאָזן זיך פון קינדער אָנרופן מיט פאַרשיידענע נעמען, און צו אַלעמען האָבן אַ טרויעריק־אַלט־רעזיגנירטן שמייכל: איר זענט נאָך קינדער, איר וועט עלטער ווערן...

אַ סך מאָל איז אַ שילט־וואָרט אויף אַ קינדס ליפּן פאַרפרוירן געוואָרן; מענדלס טרויעריקער שמייכל איז געווען אַ כלי־זין.

אָ, ווי טרויעריק פלעגט ער ווערן, ווען קינדער פלעגן ריידן פון „דאָקטאָר ווערן און אַ סך געלט פאַרדינען"...

געלט איז פאַר אים אַ שפּילעכל געווען, וואָס האָט פאַר אים קיינמאָל קיין ווערט ניט געהאַט. זיינע ביכער זיינען צו אים געווען ווי חלומות פון כוואַליעדיקע פעלדער, ווי ים'ען, ווי גרין־בלוי און געלע זיך וואָגלענדיקע פעלדער...

3

און יאָרן זיינען פאַרגאַנגען.

זיינען דעם וועג געגאַנגען וואָס האָט קיין ענדע ניט, וואָס איז גלייך און קומט קיינמאָל ניט צוריק...

. . . מענדל איז געוואָרן אַכצן, ניינצן און צוואַנציק יאָר אַלט און אַלץ דערזעלבער געבליבן; די ביכער ליב געהאַט, ליב געהאַט מער ווי זיין מיידל, וועלכער ער האָט אין זיין חלום גע־לעשטשעט.

זיין טאָג האָט ער איינגעטיילט ווי אַן אַגראָנאָם זיינע פעל־דער; אין שטונדן פון דענקען, אין שטונדן פון בענקען און דער דריטער טייל איז זיין רואיקער האַפן געווען; דאָרט פלעגט ער לאַנדן אין די שטילע פאַרנאַכטן.

ער פלעגט דורך נעכט לייענען, לייענען און רויכערן, לייענען און רויכערן. אַ סך מאָל האָט ער דעם בוך צוגעמאַכט און אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן. דאָרט אויפהויבן זיינע הענט צו די בייַנאַכטיקע הימלען און שטונדן אַזוי שטיין און שווייגן, שווייגן דאָס גרויסע שווייגן פון דער נאַכט און די בליצנדע שטערן.

אַ סך מאָל אַרויסגיין אין אַ גאַס־רעגן און אָן אַ ציל מיט די שליאַכעס וואַנדערן און זיך מורמלען אַ לידעלע, אַ מעלאָדיע וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהערט און דוכט זיך אויך ניט אויסגעטראַכט, און איבער דער מעלאָדיע עפּעס דענקען אָדער חלום'ען, וואָס איז אים תמיד ליב געווען, וואָס מיט טרערן אין די אויגן ליב געהאַט.

אויף אַזוינע וואַנדערונגען האָט זיך אים אָפטמאָל אויס־געדאַכט, ווי זיין שטערן זאָל זיך ווי אָפּטיילן פון זיין קאָפּ, זאָל העכער און העכער ווערן; ווי זיין קאָפּ זאָל שטיין ערגעץ אויף אַ באַרג און זיינע אויגן זאָלן אַראָפּקוקן און אַראָפּקוקן — פאַר־שטייענדיק — באַלייכטנדיק די סודות פון לעבן און טויט...

אַרומגיין און אַרומגיין אָן אַ סוף, אָן אַ צוועק...

ער האָט די נאַכט מער ליב געהאַט ווי דעם טאָג, די נאַכט איז זיין ליכט, זיין ליכטשפּענדערן געווען...

4

שוין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט אַז ער איז אומצופרידן מיט זיך אַליין... ער פילט ניט מער דאָס געבענטשטע דענקען שטראָמען אין זיינע אָדערן; דער ערב־פרילינג רווישט ניט מער פאַר זיינע פענצטער. זיינע געדאַנקען זיינען שווער און פויל פאַרשלייערט: אויך זיין לעזן ברענגט אים ניט מער די דערהויבנדיקע געפילן פון גרינטלאַכן פאַרשטיין. אַלץ איז פאַר אים טונקל געוואָרן, טונקל און פויל.

זיינע הענט זיינען ווי שווערע קלעצער; ווי עפּעס פרעמדס טראָגט ער מיט זיך אַרום.

זיין שווייגן איז ניט מער אנגענעם. עס איז באַליידיקנדיק און פינצטער. ער גייט אַרום אַ פרעמדער, אַ שטיצע־זוכנדיקער; זיין מיידל איז ערגעץ אוועקגעפאָרן: אין אַזעלכע צייטן פלעגט ער געפינען רו ביי איר, איצט איז זי אוועק — אפשר איז זי מיט אַ צווייטן דאָרט. אפשר? ער גייט אַרום און זוכט אין זיין פינצטערער שטימונג דעם זין פון לעבן. צי דאָס לעבן קאָן אים, אָדער ער דעם לעבן עפּעס געבן.

זיינע אַלע וועגן זיינען אַ דרייעק געוואָרן: אַלע געדאַנקען און אַנאַליזעס לויפן אין דעם עק זיך צוזאַמען; זעלבסטמאָרד.

וואָס ער דענקט, וואָס ער גריבלט, קומט אַלץ אויף דעם איינעם אַרויס: זעלבסטמאָרד. . . און דאָך איז דאָס אַלץ געקומען צוליב אַ גאָרנישט, אַ קלייניקייט; ער האָט ניטשעס „זאַראַטוסטראַ” שטודירט און „דאָס קינד מיט דעם שפּיגל” ניט פאַרשטאַנען. און ער האָט געוואָלט זיין מער ווי געניסער, אַ סך מער... פון דעמאָלט אָן איז ער אומצופרידן מיט זיך אַליין, זיין איינציקער געדאַנק — ווי שטאָל צו מאַגנעט — עס ציט אים צו זעלבסטמאָרד. — און אפשר איז דאָס אויך ניט דער גרונט דערפון געווען, אפשר האָט אַ בלעטל נאָך גאַנץ גרין, זיך ניט געבויגן אונטער דעם ווינט ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעמאָלן...

אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז זיינע געדאַנקען, די איצטיקע, זיינען אים באַקאַנט, אַז ער האָט תמיד אַזוי געקלערט.

אַז זיינע געדאַנקען זיינען געווען און זיינען ניט זיינע, אַז

ער האָט נאָך קיינמאָל קיינע געדאַנקען אַליין ניט פּראָדוצירט, אַז זיי זיינען בלויז ברוכשטיקלעך פון פאַרשידענע דענקער.

. . . ער וועט קיין בריף ניט צוריקלאָזן, ווען ער וועט מאָרגן גיין צו דעם האָדסאָן — האָט ער באַשלאָסן.

צו וואָס?... נאָך וואָס?...

אויס דעם גרויסן גאָרנישט געקומען — אין דעם גאָרנישט פאַרשווינדן — אַ גאָרנישט...

ער האָט ביטער געשמייכלט און אַהיימגעגאַנגען פאַרברענען זיינע פּאַפּירן.

* * *

דער מאָרגן איז אויפגעשטאַנען אַ שטראַלנדער, אַ שרייענ־דיקער...

די זון איז אַרויסגעקראָכן פון וויטן מזרח און אַרויסגע־קראָכן אַ רויטע, אַ רונדע, אַ גרויסע.

די מענטשן האָבן שוין די ווינטערמאַנטלען אַראָפּגעוואָרפן און אַרומגעגאַנגען פאַרלאָקט פון דער פרילינג־זון.

ניט פאַרשלאָפן ווי אימער, זיינען זיי אַרומגעגאַנגען; צו די אונטערערדישע באַנען געלאָפן. לאַנגזאַם זיינען זיי געגאַנגען ווי זונשטראַלן אין זיך אַריינצוזויגן. די פרילינגלופט איינצו־אָטעמען, — איינצואָטעמען פאַר דעם גרויען פאַבריק־טאָג. ניט געגלוסט זיך אַ סך יונגע מענטשן צו דער אַרבעט גיין. ניט געגלוסט: אַ צו שיינער טאָג...

מענדל האָט זיין הויז פאַרלאָזן; אַרויסגעגאַנגען אָבשייד נעמען פון דעם לעבן.

. . . דאָס לעבן איז ביטער, דאָס לעבן איז לער ווי אַ פאַס, נאָר די עכאָ פון דער לײַדיקייט איז דער טומל, דער רעש, דער טאָן וואָס באַרוישט די מענטשן צום לעבנס־ווילן...

ניין, מענדל האָט דאָס ניט געקלערט, אפילו דער געדאַנק איז צו אים נאָענט געווען, זייער נאָענט.

ער איז געגאַנגען און געדאַנקענלאָז אויף דעם הימל געקוקט און זיך געוואונדערט ווי דער הימל איז הויך, אַזוי הויך.

אַ לידעלע איז אים אין קאָפּ אַריין, אַן אַלט לידעלע, אַ נאַ־ריש, און ער האָט עס אָנגעהויבן פייפן, פייפן און דאַן זינגען,

ווי פאַר זיך אַנטשולדיקן, ווי צו פאַרגעסן אָן אַ זאַך, פון וועלכער ער האָט קיינמאָל ניט געקלערט.

„אַ פרוי איז שולדיק אין מיין שיקזאַל, אַ פרוי האָט מיין לעבן רואינירט". ניט געוואוסט וואָס דאָס באַטייט, נאָר גע־זונגען און געגאַנגען מיט דעם גלייכן וועג צום האָדסאָן. עפּעס אַ צווייט לידעלע איז אים אין קאָפּ אַריין און אַ דריטס.

ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, אַ שוך האָט אים אָנגעהויבן קוועטשן און איז ווייטער געגאַנגען. אויף דעם הימל געקוקט, אויף די הויכע הייזער און אָנגעהויבן רעכענען וויפיל מענטשן עס קענען וואוינען אין אַזאַ הויז. אַז אַזאַ הויז קאָן אַריינעמען אַלע מענטשן פון דעם שטעטל פון וואַנען זיין פאָטער איז גע־קומען. קאָמיש, — האָט ער געמורמלט, — זייער קאָמיש, — און זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער ווי צו געזאַנג פון אַ פאַרלאָזנ־דיקן פויגל.

ער האָט אַן אַלטענקע פרוי דערזען און געשמייכלט איבער איר גאַנג: עפּעס אַזוי קאָמיט, אַזוי קאָמיש האָט ער געפילט, מאָדנע לײַדיק אין זיך.

ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ נאַכט, ווי אַ נאַכט אָדער נעבל זאָל האָבן זיינע געדאַנקען אין אַ וואַרעמער, פוילער דעק איינגעהילט. ווי אַ נעבל זאָל פאַר זיינע אויגן שטיין, ווי אַ טויער פאַר זיינע געדאַנקען. ביז צו דעם האָדסאָן איז ער גע־גאַנגען, ביז צום האָדסאָן און אויסגעהאַלטן דאָס לידעלע: „אַ פרוי אין מיין שיקזאַל איז שולדיק"...

. . . דער האָדסאָן שפּרייט זיך אומגעהייער גרויס און גוואַלטיק פאַר זיינע אויגן... לאַקט און ציט... און גלאַנצט און לאַקט...

5

ווען מענדל האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט איז זיין פאָ־טער און מוטער נעבן זיין בעט געשטאַנען. זיין גאַנצער קער־פּער האָט אים וויי געטאָן, ווי ער זאָל האָבן געשלאָפן אויף שטיינער.

זיינע אויגן האָבן אַרומגעוואַנדערט זוכנדיק אין צימער;

פון זיין מוטער צום פאָטער געוואַנדערט און ווייטער אין צימער אַרומגעזוכט.

לאַנגזאַם האָט פאַר אים אויפגעטויכט דער געדאַנק, אַז ער איז אַ פרעמדער און דאָס צימער איז אַ פרעמדס; אַז דאָס זיינען ניט זיין טאַטע און מאַמע, נאָר מענטשן וואָס ער האָט אַמאָל געטראָפן און זיי האָבן אים גוטס געטאָן.

זיינע אויערן האָבן געהערט פרעמדע טענער, פון ווייטן־קומענדע מעלאָדיעס, זיסע און שווערע טענער...

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מעלאָדיעס זיינען אַרומ־גענומען מיט אַ בילד, וואָס איז אים זייער גוט באַקאַנט. דאָס בילד איז געווען אין צווייען צעטיילט: איין זייט האָט אויסגעזען ווי אַ בלומענקראַנץ אין אַ טריבן טאָג, ווי בלומען טונקעלע אַרומ־געגעסן מיט ליכטיקע טעק; די צווייטע זייט איז געווען אַ מענטש וואָס גייט און גייט און שטייט אויף איין פּלאַץ; זיינע אויגן קוקן איבעראַל און זעען גאָרניט; זיינע הענט אַרבעטן און ברענגען גאָרניט פאַרטיק; . . . אַ בליץ . . . ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, פילן דעם באַטייט . . . אַ בליץ, פאַרבלאַסט, פאַר־שוואונדן. . .

ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט איבער דעם צימער; איבער יעדן ווינקעלע זיינען זיינע אויגן לאַטשטשענדיק אַרומגע־גאַנגען, ווי דאָס בילד אין זיך אַריינצוזויגן, ווי איינער וואָס שטאַרבט; און ער איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן אַ לייכטן שלאָף.

אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז די פרוי, וואָס שטייט איבער זיין בעט וויינט שטילערהייט, פאַר זיך. אַז דאָס הערט זיך ווי אַ שטילער הערבסט־רעגן, וואָס וויינט פאַר פענצטער אין טריבע טעג.

אָדער ווי אַ טויטנמאַרש, וועלכן ער האָט אַמאָל געהערט — יאָ, ווי אַ טויטנמאַרש...

זיינע געדאַנקען, די וואָס דער האַלב־שלאָף האָט אים נאָך איבערגעלאָזן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרפּלאָנטערן ווי שפּינען אין זייערע געוועבן, זיינען שאָטנדיקער און טונקעלער געוואָרן...

. . . און פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן קלאָר צו דענקען, ווי

א בליץ זאָל האָבן געהאַט זיין געדאַנקענגאַנג צעשפּאָלטן; א וואָרט פון זיין מוטערס מויל האָט אים אויפגעוועקט; זי האָט פון דעם האָדסאָן גערעדט צו איר מאַן...

ער איז וואך געוואָרן און וועגן זעלבסטמאָרד געקלערט.

מיט צוגעמאַכטע אויגן געקלערט און זיך געשעמט... געשעמט...

* * *

מאָנאַטען זיינען פון יענער צייט אָן פאַרגאַנגען...

ער האָט קיינעם ניט געפרעגט ווי און ווער עס האָט אים פון וואַסער ארויסגעצויגן און קיינער, ניט פאָטער אָדער מוטער, האָבן דערמאָנט אים אָן פאַרגאַנגענעם.

נאָר אין נעכט, גאַנץ שטילע שלאָפנדיקע נעכט, פלעגט זיין מאמע אין זיין צימער אריינקומען, אים לייכט אויף דעם שטערן קושן אָדער גלעטן און דאַן גאַנץ שטיל וויינען און ארויסגיין...

ווי הערבסט־רעגן פאַר די פענצטער וויינט, אָדער ווי א טויטנמאַרש וועלכן ער האָט אמאָל געהערט — יאָ, ווי א טויטנמאַרש; גאַנץ שטיל...

6

די שווערע טרויעריגקייט איז אין זיינע ביינער פאַרבליבן, די שווערע טויטנמאַרש טרויעריגקייט...

זי פלעגט צו אים קומען אין דער שולע גייענדיק, ווען ער האָט געמוזט אריבערגיין די בריק און זען די גלאַנצנדיקע אָבער טריבע וואַסער. אויך אין די שטילע נעכט, לאַנג שוין נאָכדעם, ווי ער האָט זיינע ביכער אוועקגעלעגט, און זיינע געדאַנקען האָבן זיך מער ניט געצייטיקט ווי אמאָל.

. . . ער האָט געפונען — ווי געדענקט ער ניט מער, קלערט ניט דערפון — אַן אַלטן מאַן, א פילאָזאָף. צו אים פלעגט ער גיין און נעכט מיט אים זיצן און דעבאַטירן. שטיל זיינע ענטפערס געבן און פראַגעס שטעלן; ווי אַן אַלטער, אַלטער מענטש; איבער שאָפּענהאַוער און ניטשע דעבאַטירן — שטיל — דער גאַנג צו זיין אַלטן פריינט איז אים א נויטיקייט געוואָרן: דאָרט האָט ער געפונען זיין רו, זיין אַלץ.

א סך מאָל האָט מענדל אים אין הויז ניט געטראָפן, איז ער מיד און טרויעריק אהיים געגאַנגען — אָדער — אָדער זיינע ביכער גלעטן און זיך ארומקוקן אז קיינער זאָל אים ניט דער־זען...

ער האָט ליב געהאַט זיין אַלטן פריינט — נאָר געשוויגן. געשוויגן ווי תמיד; קיינמאָל ניט גערעדט איבער זיינע געפילן. אים האָט זיך אַמאָל, נאָך אַלס האַלב־קינד, געטראָפן, אז ער האָט ליב געהאַט א מיידל און עס איר דערציילט; ווען ער האָט זיינע ווערטער דערהערט, האָט ער זי מער ניט ליב געהאַט ווי פריער. פון דעמאָלט אָן שווייגט ער פון זאכן וואָס זיינען נאָענט צו אים... ער שווייגט.

נאָר ווען ער פילט זיך גאַנץ אַליין, קאָן ער נעמען אַ זאַך וואָס באַלאַנגט צו יענעם מענטשן און זי גלעטן — זי גלעטן — און זיך ארומקוקן אז קיינער זאָל אים ניט דערזען, ניט איבער־ראשן...

. . . און דאָך איז איצט זיין ליבע צו דעם אַלטן אַנדערש געוואָרן ווי פריער; עפּעס א טויטנמאַרש ליבע. אַ ליבע אָן הענט און אָן פיס און אָן בלוט: אַ ליבע פון אַ לעבעדיקן מת...

* * *

אָפטמאָל איז דער מענטש א שקלאַף צו זיין קראַנקהייט...

זיין אַלטער פריינט האָט אין דער לעצטער צייט ניט גוט געפילט; און אין דער היץ פון ארגומענט, מענדלען, זיין פּער־זאָן באַליידיקט; אים „אייביקער דילעטאַנט" אָנגערופן.

מענדל האָט ניט געענטפערט, נאָר געפילט ווי עפּעס זאָל זיך האָבן צעריסן, און אויף דער ערד געפאַלן, ווי אַ סטרונע זאָל האָבן אין זיין נשמה געפּלאַצט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און ארויסגעגאַנגען. נאָר קוים די טיר דערגרייכט איז ער אַן אַנדערער מענטש געוואָרן; זיין געשטאַלט האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן; גאַנץ הויך און העכער צו ווערן; זיין ברוסט איז פול געוואָרן, געשוואָלן געוואָרן ווי אַ טייכל נאָך אַ פרילינג־רעגן, אָדער ווי נאָך אַ געוויטער אין הערבסט.

און . . . ער איז אַהיימגעגאַנגען, און מיט יעדן טראָט צו זיין הויז צו איז זיין צאָרן טיפער און פאַרביסענער געוואָרן: ער

האָט דעם אַלטן האַסן אָנגעהויבן: אַזוי האָט ער זיך געוואָלט איינריידן...

און דאָך האָט ער אין זיין האַס צו דעם אַלטן ניט געגלויבט; האָט ער דאָך געוואוסט אַז ער קען אפילו ניט מער האַסן...

. . . ביי זיין טיש האָט ער זיך אוועקגעזעצט און אָנגע־הויבן שרייבן. און מענטשן האָט ער געוואָלט האָבן ארום זיך, אַ סך מענטשן, און זיי זאָלן זיין ווי ער שרייבט... ווי ער שרייבט איבער זיין האַס צו דעם אַלטן.

נאָר לייענען וואָלט ער זיי ניט געלאָזן דאָס וואָס ער האָט געשריבן. ניין! פאַרדאַמט ניין!... ווערטער האָט ער געשריבן, ווערטער, ווערטער; זיין נאָמען און דעם נאָמען פון דעם אַלטן און ווידער זיין נאָמען... ער האָט די באַשריבענע פּאַפּירן צעריסן און געפילט ווי איינער וואָס טראָגט זיין קאָפּ זייער הויך ארומ־גייענדיק אין די גאַסן, זייער הויך און קומט אַהיים אַ מידער, אַ צעבראָכענער, דעם קאָפּ אין אַ קישן פאַרגראָבנדיק: צו וואָס? פאַר וואָס? ! מענדל האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער סאָפע און אָנגעהויבן וויינען, דאָס טרוקענע, דאָס הארבע וויינען אָן טרערן.

7

מענדל שטייט פאַר דעם הויז פון זיין אַלטן...

ער דריקט די עלעקטרישע טיר־גלאָק. נאָר קיינער ענטפערט ניט. ער ווערט אומרואיקער, נערוועזער; קיינער ענטפערט ניט, קיינער ענטפערט ניט!

שוין אַ פּאָר מאָל אַז מענדל איז דאָ געווען און אַלץ גע־פונען די טיר פאַרשלאָסן. ער האָט אים געוואָלט זען, געמוזט זען.

ער איז אַ מידער, אַ טרויעריקער אוועקגעגאַנגען, אַ מידער פון די ניט דערשלאָפענע נעכט. ער איז ציללאָז ארומגעגאַנגען אין די גאַסן און גאָרניט געקלערט. נאָר אַ טיפע מידקייט אין זיך געפילט. ער האָט געקוקט אויף די הויבע הימלקראַצער און געוואָלט וועבן אַ חלום, די אַטאָמאַבילן, אָבער, האָבן געזונגען זייערע געזאַנגען פון טויט. מען מוז זיי הערן.

ער איז געגאַנגען און איז שטיין געבליבן ניט וויסנדיק וואו

ער געפינט זיך. ער האָט זיך דערזען מיטאמאָל שטיין פאַר א רעסטאָראַן. ער איז ווייטער געגאַנגען און ווידער צוריקגעקומען... עס האָט אים געצויגן...

ער איז גאָרניט הונגעריק געווען, נאָר נעבן דעם רעסטאָראַן ארומגעגאנגען און ניט געוואוסט וואָרום.

ער האָט באַשלאָסן אין רעסטאָראַן אריינצוגיין; נעבן דער טיר איז געלעגן א שטיק אייזן, א פראָסטע שטיק אייזן, אים איז איינגעפאַלן, אז ער קאָן דאָס אייזן צו עפּעס נוצן. צו וואָס ווייסט ער ניט. צו א טיש האָט ער געוואָלט צוגיין און זיך אוועקזעצן, ניט אזוי צוליב דעם עסן, ווי זיך אויסצורוהען. צוגע־קומען צו א טישל אין א ווינקעלע האָט ער מיט אמאָל דערזען זיצן א מענטשן. ער האָט אויף אים קודם לאַנג געקוקט ביז ער האָט אים דערקענט, זיין אַלטן דערקענט...

מענדל איז געשטאַנען א פאַרקילטער: ער האָט געוואָלט אנטלויפן אָדער זיך צו זיינע פיס וואַרפן.

נאָר פּלוצלונג, פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן וואַקסן, ווי ביי דער טיר דעמאָלט; קראַפט פון אומבאַקאַנטע קוועלן האָט אין זיין בלוט געשטראָמט; זיין האַנט, די רעכטע, מיט דעם שטיק אייזן האָט זיך אויפגעהויבן, ווי אָן זיין ווילן, העכער און העכער אויפגעהויבן; זיין אַלטן פריינטס קאָפּ איז אויף דעם טיש אַראָפּגעפאַלן; מענדל איז געשטאַנען א שווערער, א דענק־לאָזער און אויף דעם שטיק אייזן געקוקט.

. . . און צו שמייכלען אָנגעפאַנגען. זיין שמייכל איז אויס־געוואקסן אויף זיינע ליפּן, פרעמד ווי א טרויערווערבע אין מיטן דער סאַהאַרא. . .

. . . מענטשן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און אים געשלאָגן, ער איז געשטאַנען — ביז די דעטעקטיווס און די פּאָליציי איז געקומען — ווי א גומי־מאַנומענט, האָט זיך זיין קאָפּ אהין און אהער געבויגן, אהין און אהער אונטער די פויסטן געבויגן...

. . . און אין זיין קאָפּ זיינען בעטלער ארומגעגאַנגען, מיד און שווער ארומגעגאַנגען און געזונגען, געמורמלט — געמורמלט — געזונגען אריעם פון א ליד וואָס ער האָט אמאָל געהערט — אויס א טויטנמאַרש — יאָ, אויס א טויטנמאַרש. . .

שטאַרבן

1

ווייט, ערגעץ וואו ביי נאָמענלאָזע ים'ען שטעקט אַרויס א שוואַרצע סקאַלע, א פעלזן־אינזל...

שוואַרץ ווי זינד, אַ שוידערלאַך טרויעריקע ערינערונג פון עלנט און לײַדן, פון אוממענטשלאַך־מענטשלאַכע לײַדן; פון דער מאַכט פון הונגער־טויט, וואָס האָט געברויזט ווי א וויסטער חלום איבער דעם אינזל. טויט און פאַרניכטונג.

אמאָל האָבן דאָ מענטשן געלעבט, א פישער־אינזל.

איצט זינגען כוואַליעס די סימפאָניע פון טויט. ראָבן קרעכצן ביים ברעג. פליען אומרואיק פון אָרט צו אָרט און ווייט, ווייט פאַרקלינגט זייער הייזעריק קלאַנג. אָן אויגן און אָן בלוט ליגן די מתים, ווי געלע בלעטער. הערבסט און שטורם צעשפּרייט...

א האַלב צעפאַלן שטיבעלע ברענגט אַנטקעגן דער ליבע לויב־געזאַנגען, טראָציק, אַלץ ווידער און ווידער לויבגעזאַנגען צו דער מאַכט פון ליבע; אַרומגענומען אין שטיבעלע ליגן צוויי מענטשן, ברוסט צו ברוסט און באַק צו באַק, מענטשן וואָס זײַנען אין דעם אומגלײַכן קאַמף מיטן הונגער־טויט שטיל געבליבן. ביז אין דער שטיבעלע שטראָמען די מעלאָדיעס, ביז ווייט איבער דעם אינזל; דאָ קלינגען די סימפאָניעס פון טויט אָן דער מאַכט פון ליבע; דאָרט . . . שוידערלאַך גרויזיג עלנט...

* * *

ווען די גרויסע מלחמה האָט איבער דער וועלט, ווי א אוראַגאַן געברויזט, האָט מען אָן דעם פאַרוואָרפענעם פישער אינזל פאַרגעסן. די שיף וואָס פלעגט אַלע יאָר ביי דעם ברעג פון אינזל

לאַנדן, מיט שפּייז פאַר דעם ווינטער, האָט פאַרגעסן דעם ווייטן וועג... פאַרגעסן...

די פישער האָבן געוואַרט אויפן שיף; געקוקט אויף די שטורעמדיקע כוואַליעס, פרימאָרגן און מיטאָג און ווידער פרי־מאָרגן און מיטאָג, ביז אַ נאַכט איז אַראָפּגעזונקען, אַ שווערע, ענדלאָזע נאַכט...

2

וועלט פאַרגעסן מורמלט דער ים, מורמלט אַ לידעלע אין מיטן־טאָג פון מענטשן פאַרלאָזענע סטעזשקעס; אַמאָל זיינען דאָ גראָזן געשפּראָצן: געל און פאַרטונקלט ליגן זיי איצט. ווי די מענטשן וואָס האָבן געלעבט דאָ אַמאָל; עס איז געווען אַמאָל דאָ אַ פרילינג... עס איז געווען!

געל און טרוקן ליגן די מענטשן אין שיין פון דער הערבסט־לאַכער זון, אומאהלדזט מיט דעם טויט.

טרוקן די גראָזן, טרוקן די מענטשלאַכע סקעלעטן. די גראָזן וועלן ווידער שפּראָצן און גרינען אין אָרעם פון פרילינג, אָבער די מענטשן? די מענטשן!

וועלט פאַרלוירן מורמלט דער ים און ברומט אַ טרויעריק לידעלע אין מיטאָג; די פייגל רופן עס אָן „נסיעת המתים” און בראַנדן צום ברעג ווי די כוואַליעס און פליען ווידער אויף מיט מאַטן פליגל־שלאָג, קרעכצנדיק... קלאָגנדיק פליען זיי אויף און אַוועק איבער דעם תהום פון ים, וואו עס האָט אומדערבאַרמדיק געקלונגען דאָס ליד פון מלאך המות...

* * *

ווייט ביים ראַנד פון האָריזאָנט שווימען שיפן און ציען זיך לאַנגזאַם, ווי די קוואַלן פון הונגער, לאַנגזאַם אַלץ נעענטער דעם ביל...

ווי אַ פּראָצעסיע אויפן הימל־וועג; אָפּגעריסן, לאַנגזאַם אַרויף, אַריבער, מיט אומבאַשרייבלאַך טרויעריקן בליק: ווי לאַנג... ווי לאַנג?...

אַרויף... מאַנאָטאָן...

קיינמאָל מיד, אייביק מיד, אזוי וואַנדערט די פּראָצעסיע: ענדלאָז, ווי אַ לאַנגע קוואַלן־פּולע נאַכט אויף דעם קראַנקענבעט; קרעכצנדיק, ווייטאָקדיק, שלאָכצנדיק ציען די שיפן ווייט ביים ראַנד פון האָריזאָנט; און ביים ברעג שטייען מענטשן און ווינקען

ווינקען, ווינקען...

ביז אָן קראַפט, אָן האָפנונג צו דער ערד זיי זינקען...

זייער בליק פאַרגליווערט אין ווייטן, און ענדלאָז ציען שיפן, ענדלאָז...

* * *

דער ים שלאָגט מיט זיין בויך צו די ברעגן און זינגט, און יאָמערט ווי די ראָבן אין די צווייגן: „באַ.. גראָב. באַ.. גראָב".

יאָ, באַגראָבן וועט מען די מענטשן, וואָס זיינען פאַר־טרוקנט געוואָרן ווי בלומען אין בראַנד פון דעם מדבר; מען וועט זיי באַדויערן, אפשר זייערע ליידן אין לידער באַזינגען... און פאַרגעסן... פאַרגעסן... דער אינזל וואָל שטעקט איצט אַרויס פּוסט און גרוי פון דעם ים אַרויס, ווי אַ שוואַרצער שטיין, אַן אור־מעטיקער קבר, וועט די ראָבן און פאַרשער ווערטלאָז זיין.

דער ים שלאָגט מיט זיין בויך אָן די ברעגן: קרעכצט און יאָמערט ווי די ראָבן אין די צווייגן: „באַ.. גראָב... באַ.. גראָב"...

3

אין אַ טונקעלן נאָוועמבער־מאָרגן איז אַ בחור און מיידל ניט ווייט פון ברעג, פון דעם נאָמענלאָזן אינזל, געלעגן...

די באַקן איינגעפאַלן, ווי אַ הייפּעלע עלנט ליגן זיי דאָרט.

זי גלאָצט מיט טרויעריק־שטומפּיקן קוק צו אים אַרויף און אירע ליפּן מורמלען, איינטאָניק, מאָנאָטאָן ווי אַ קוואַל: „הונ־גער, הונגער"...

אירע ליפּן מורמלען און דער טאָן איז שווער און טרויעריק; שטיל, גאַנץ שטיל, דאָך טיף אין דער נשמה דרינגנדיק: „הונ־גער, הונגער"...

אירע ליפּן מורמלען און דער טאָן שלעפּט זיך, ווי פון אַ ווייטער ווייט צוריקקומענדיק, ווי פון אַ חלום: „הונגער, הונגער"...

ער קוקט פאַרלאָרן אויף די געקנייטשטע וואַסערן, די גרויע וואַסערן, מאַגנעטיש ציען אים די כוואַליעס; לאָקן אים — ער קען זיינע אויגן פון זיי ניט אָפּטשעפּען.

איר קלאַנגן דרינגט ניט אין זיינע אויערן, בלייבט צונגעטשעפּעט און אין דער לופט הענגען, ער הערט זיי קוים. מיט דער לעצטער קראַפט, מיט דעם אויפגעבעט פון אירע לעצטע כּוחות טרייסלט זי אים — איר איז אַזוי באַנג, אַזוי אומעטיק; זי איז מיד פון קרעכצן...

ער קוקט אויף איר און זעט זי ניט; זיינען אויגן זעען נאָר שוימנדיקע כוואַליעס, ער הערט ניט איר קול. ער פילט נאָר דאָס ציען און לאָקן פון די רוישנדיקע וואַסערן, פון דער גוואַלטיק רוישנדיקער פלוט וואָס לאָקט צו אייביקער רו...

און פּלוצלונג, פון פאַרצווייפלונג וואַרפט ער זיינע אָרעמס אַרום איר לייב, ווי שוין זוכנדיק; ווי ביי זיין מוטער ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען; ווי פרילינג־טייכן צו דער ברוסט פון מוטער־ערד, אַזוי טוליעט זיך גוף צו גוף... ער קושט זי, זי קושט אים, ווי צוויי מענטשן אין טויט דערוואַרטונג קענען קושן; קערפּערלאָז... און וויינען... פאַר זיינע אויגן ציען בילדער, בילדער פון אַ פרילינג, וואָס איז לאַנג שוין אַוועק... אַמאָל געווען...

איינזאַם, אונטער אַ סאַמעט־בלוי־ווייכן הימל, פאַרזונקן אין ערב־פרילינג־מאַטע טרוימען איז ער אין וואַלד געזעסן... איינזאַם אין אַ בלוט שרייענדיקער נאַכט. אַ סטעזשקע איז געלאָפן צו אים. אויף דער סטעזשקע איז זי געגאַנגען. זי איז שטיין געבליבן פאַר אים און געקוקט אויף אים מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן; אַ ווייכע נאַכט מיט איבערגעבונגען איז אין אירע אויגן געלעגן...

ער האָט איר אויף זיינע אָרעמס גענומען, אויף זיינע שטאַרקע אָרעמס און טיפער אין וואַלד אַריין געטראָגן. ווען

ער האָט זי טיף אין וואַלד אַריינגעטראָגן און זיינע ברענענדיקע אויגן האָבן דעם בעטלגאַנג אַרום איר ווייכן גוף געמאַכט, האָבן זיינע ברענענדיק טרויעריקע ליפּן, שטיל און הייזעריק גע־מורמלט: „וואַנדאַ . . . אַך, וואַנדאַ . . . וואַנדע” . . . ער האָט איר דאַן זאַנפט אויף דעם גראָז געלייגט און איר געקושט, גע־קושט ווי דער פרילינג וואַלד און לאַנקע פון זייער שלאָף אין גרינעם חלום קושט. . . נאַכטיגאַלן האָבן געזונגען. אַלץ וויי־טער און ווייטער, גאַנץ שטיל שוין האָט דער ים געמורמלט... שטיל...

. . . ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען זי האָט אים מיט אַ קוש אויפגעוועקט, האָט ער לאַנג, לאַנג אויף איר געקוקט און פּלוצלונג אָנגעפאַנגען וויינען; זי האָט אירע ווייסע אָרעמס אַרום זיין האַלדז געלעגט, געקושט אים; געוואָלט אים טרייסטן און אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס ער וויינט... ניט פאַרשטאַנען...

אויך אין אירע אויגן האָבן זיך טרערן באַוויזן; זי האָט געוויינט און געלאַכט צוגלייך; ווי אַ זומערזון פון אונטער וואָלקן לאַכט, און זיך צוגעהערט צו זיין זיסער שטימע:

„וו־אַנדאַ... אַ־ך... ו־ו־אַ־נ־ד־אַ־אַ! ...”

האַנט אין האַנט, ווי זיי זיינען געשטאַנען, האָבן די צוויי מענטשלאַכע קינדער זיך פאַרשטאַנען, שטום אָן ווערטער פאַר־שטאַנען; אויך זי, זי קען איצט אירע אויגן פון די גאָרגלנדיקע כוואַליעס ניט אָפּטשעפּן, ווי צוגעקלעפּט צו די וואַסערן, די טונקעלע...

גרויע וואַסערן רוישן, גרויע וואַסערן לאַכן...

. . . גרויע וואַסערן יאָמערן, קלאָגן נאָך צוויי בלומען געבראָכן אַזוי יונג...

זיך אין די כוואַליעס אַריינוואַרפן, איז געווען שפּאַט דעם הונגערטויט; איז געווען טראַץ די לוקסוס שיפן וואָס ציען ערגעץ וויט, וויט ביי די ברעגן פון האָריזאָנט... וואָס שווימען, און שווימען און שווימען...

4.

עס בושעוועט אין זיינע האָר דער שטורעם, מיט נאַסע פינגער פאַרט ער איבער זיין פּנים, ווי האנקא איז מיט אייביק נאַסע פינגער דורך זיינע האָר געפאָרן.... האנקא, האָי, האהאָי ! ...

דער שטורעם שפּילט מיט דעם שיף, זי טאַנצט נאָך זיין פייפל, ווי ער האָט נאָך האנקאס פייפל געטאַנצט, אין א שטאָדט, וועלכען נאָמען ער האָט שוין לאַנג, לאַנג פארגעסן... האנקאָ... האָי... האהאָי ! ...

דער שטורעם ציט די שיף אין טיפע אפּגרונטן, דעם זינען רויבנדיק, ווי האנקא מיט אירע קושן... האנקא, האָי.. האהאָי ! ...

דער שטורעם דעקט די נאַכט מיט שטורעם צעריסענע, פלי־ענדיקע וואָלקנס, ווי עס באַדעקט האנקא מיט אירע שווארצע האָר זיין גליענדיקן גוף...

האנקאָ... האהאָי... האָ ! ..

ברויז, שטורם !... רייס... צי אין אָפּגרונטן די שיף, צי זי אויף טורעמהויכע, שוימבאַדעקטע בערג; ווילדער... ווילדער, שנעלער ! ... שנעלער... רויש ! ..

. . . אויפן שיף די פישער, יאָגן זיך אַרום פארצווייפלטע, די הענט ברעכנדיק; אנדערע שטייען מיט קורצע פיפּקעס אין מויל און קוקן אויפן הערלאַכן שווישפּיל: „נאָר מיר גייט דאָס ניט אָן" ! ...

אָבער ער? ער איז ווי א ריזיק געשפּענסט אויפן בוג פון שיף געשטאַנען, מיט ווילד פלאַטערנדיקע האָר און נאַכט דורכ־בויערנדיקן בליק...

האנקא... האָי.. הא... האָי...

. . . דאָס איז געווען זיין לעבענסגעשיכטע: שטורעם, ברויזנדיקער שטורעם ! אין דעם אייביקן קאַמף מיטן טויט האָט ער אויפגעהערט מענטש צו זיין; א געשפּענסט וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויט פאַר א שטיקל ברויט:

א גיגאַנט...

שטורעם איז געווען זיין געבורט, שטורעם איז געווען זיין

לעבן. דאָס ערשטע וואָרט וואָס זיינע ליפּן האָבן געפּלאַפּלט איז געווען א קללה:

. . . האַנקאַ... הוי.. האַ.. האָ! ...

ער האָט מער ניט געקענט אונטערשיידן פון האַנקאַ דעם מיידל און דעם ים; דער שטורעם בושעוועט אין זיינע האָר ווי האַנקאַ, אמאָל, אמאָל אין א רויטער נאַכט... האַנקאַ... האָי.. חאַהאָ! ...

* * *

דער שטורעם שפּילט ניט מער מיט זיינע האָר און האַנקאַ, האַנקאַ איז ווייט, ווייט אַוועק ערגעץ. זיצט אפשר אויף דעם שויס פון א מאַטראָס און פרעסט.

ער זיצט אויף דער האַלצבאַנק און גלאָצט אין גרויסן גאַר־נישט אריין; ער זעט ניט האַנקאַן, זיין אינערלאַך אויג איז בלינד: ער זעט ברויט, ברויט און וואורשט. די גרויסע וואורשט וואָס קנאַקט אַזוי געשמאַק אונטער די ציינער ווען מ'בייסט אריין, און רויט גליענדיקן ווייַן. שפּייאַכץ קלייבט זיך אויף זיין צונג צונויף, געשמאַקלאַז שפּייאַכץ, און ער שלינגט און וואַרגט זיך מיט דעם געשמאַקלאַזן שפּייאַכץ. זיין מאָגן בורטשעט ווי א הונ־געריקער הונט. אים איז פרעמד דער הונגער; ער וואָס פלעגט עסן פאַר צען; זיין קערפּער וואָס האָט אַלץ פאַרטראָגן, אויך דעם ווייַן וואָס ער האָט אמאָל געטרונקען... אמאָל... אמאָל... ווי לאַנג איז דאָס שוין צוריק? צען, פופצן יאָר, האַ? ער האָט אָן דער צייט פאַרגעסן, ווי די צייט אָן אים...

ער האָט אַלץ געקענט פאַרטראָגן און דערפאַר האָט אים האַנקאַ ליב געהאַט, אויף איר אופן.

דער גייסט אומרו האָט אים געפּאַקט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דערשטיקן. ער איז אַפּגעשפּרונגען פון דער באַנק, אויף וועלכער ער איז צוויי טעג געלעגן, געלעגן און פון געשמאַקן עסן גע'חלומ'ט.

ער איז אַרויס פון שטוב. געלאָפן איבער פוסטע סקאַלעס; דער ווינט האָט געריוועט און אים געפּאַטשט מיט זיין שאַרפּ־קאַלטן אָטעם; די ראָבן זיינען אַרומגעפלויגן און געקרעכצט; ער האָט גאָרנישט געזען — גאָרנישט געקוקט, נאָר געלאָפן ווי מ'וואָלט

אים מיט שארפע, הייסע נאָדלען געשטאָכן און אונטערגעטריבן צו שנעלערן לויף. און געשריגן, געריעוועט, גערעוועט מיטן גאנצן קראַפט, אז עס האָט זיך אויסגעדוכט דער אינזל ציטערט אונטער זיין עכאָ...

האנקאָ.. האָי... האָהאָי! ...

אין ווילדן, בלינדן כעס האָט ער זיך איבער די סקאלעס געיאָגט, געיאָגט און ניט געקוקט וואו ער לויפט.. דער אָפּגרונט האָט אויסגעשפרייט זיינע אָרעמס... און אים איינגעווארעמט ביי זיין ברוסט...

דאָרט אין דעם אָפּגרונט איז האנקאָ פאראַן און וואַרט אויף אים. זי האָט אויף אים געוואַרט דאָרט און צוגעגרייט א גרויסן טיש פאַר זיין גרויסן מאָגן און אַ בעט פול מיט שרייענדיקער תאוה... ווייל ער, ער איז געלאָפן א וועטלויף מיטן טויט.

. . . אזוי האָט געלעבט און פארגאנגען אַ שטורעם; אַן אָרימער פישער. איינער וואָס האָט מיט אלע נאָמענלאָזע געלעבט און אונטערגעגאנגען... נאָר פריער...

. . . דער ווינט שפּילט ניט מער אין זיינע האָר... און האַנקאָ, האַנקאָ איז ווייט, ווייט אוועק.... האנקא... ה־אַ־נ־ק־א־אַ־אַ!

5.

דער הונגער איז א וועג, א שליאך וואָס פירט די מענטשן אין טויט. ווידער זעט מען א מענטשן פון קאראוואן וואָס וואנדערט אויף דעם שליאך צו דעם ציל, דעם ענדלאָזן. א מאן; דער מאן פון שטאָל... אמאָל, זיינע מוסקולן שטאָל; זיינע אויגן שארף און הארט ווי שטאָל. עס דערציילן מענטשן וואָס האָבן אים געקענט, אז איינמאָל אין א שווער וויינענדיקער נאכט, ווען זיי האָבן אים געזען נעבן ברעג פון ים, זיינען זיינע אויגן פייכט געווען. ער האָט פון זיינע געפילן זיך געלאָזט אוועקפירן, ארויספירן אויף דעם וועג פון דערציילן. אָפּגעריסן האָט ער אָנגעהויבן דערציילן; ווען ער איז א יונגער בחור געווען, ווען ער... איז נאָך... וואָס? ... א פישער, נאָר פרעמד, אַ סך מאָל האָבן זיי אים ניט פארשטאַנען זיינע ליפּן זיינען פארשטומט; שטאָל איז הארט און שטום, און

דער טאָן וואָס קען ארויסגעצוואונגען ווערן איז שארף און הילכעדיק.

ער האָט אויף דעם אינזל געלעבט, איז א פישער געוועזן, ווי אַלע פישער, נאָר פרעמד, א סך מאָל האָבן זיי אים ניט פאַר־שטאַנען און א סך מאָל מורא געהאַט פאַר אים. און דאָך איז ער א פריינט געוועזן צו זיי און זיי צו אים, ווייל דער אייביקער קאַמף פאַר דעם שטיקל ברויט, האָט ענג פאַרבונדן די באַוואוינער פון אינזל, זיי אין איין קעמפדיקער מאַסע פאַראייניקט. ער איז געוועזן דער ראַטגעבער פון אינזל, נאָר געראָטן זיי האָט ער נאָר דאַן ווען עס איז זייער נויטיק געוועזן, מיט האַרטע ווערטער און קורץ האָט ער געגעבן עצות: שטאָל... און דאָך האָט ער די באַוואוינער פון אינזל ליב געהאַט, ער האָט זיך פאַרראַטעוועט, ער האָט דאָך געמורמלט ווען ער איז אויף דער ערד געלעגן טויט־קראַנק און שוואַך, ווען עס האָט דער הונגער אין זיין בלוט דאָס אָפּשייד־ליד געזונגען, אויף דעם וועג וואָס האָט קיין ענד ניט...

* * *

מיד שלעפּט ער זיך ארום איבער דעם אינזל ארום. ער קען אין שטוב ניט זיצן, זיצן א גאַנצן טאָג און קוקן אויף די שפינען. טרייבט האָפענונג אים פון שטוב ארויס? קען ער נאָך האָפן?... ניין, ער קען ניט מער האָפן, ער קען ניט מער בענקען, נאָר חלומ׳ן קען ער; אָפּגעפּרעסטע חלומות מיט געבראָכענע פליגל. ער וואַנ־דערט ארום און בוימער ווערן לעבעדיק און שטיינער הויבן אָן ריידן. בוימער ווערן מענטשן, פאַנטאַזיע געבווירענע מענטשן, און די מענטשן באַוועגן זיך, קוקן אויף אים מיט טרויעריקע אָדער פריילאַכע אויגן; דערציילן די פאַרזעצונגען פון זייער לעבן, וואָס איז איינגעהילט אין פינסטערניש, וואָס קען נאָר פאַרשטאַנען ווערן פון די, וואָס גייען ארום צווישן לעבן און טויט.

שטיינער האָבן אָנגעהויבן צו ריידן און ער וואונדערט זיך גאָרניט; האָט ער דאָך געוואוסט אז שטיינער קענען ריידן און וויינען, אז זיי זיינען ניט אזוי האַרט ווי די לעגענדע מאָלט זיי; שטיינער וויינען, נאָר באַצווייט מיט מענטשן וואָס זיינען צום טויט פאַראורטיילט, אָדער איינזאַם אין האַלבנאַכטיקער שטיל־קייט.

ער האָט זיך אויף א פעלזנשטיין אוועקגעזעצט. ער איז געווען צו שוואך צו קענען ווייטער גיין. אים איז געוואָרן אזוי שווער און מאַט, טרערן האָבן זיך איבער זיין פנים געקייקלט... ער האָט געוויינט...

ווער? ער, צי דער שטיין? דאָס ווייסט קיינער ניט... נאָר ווען אמאָל, מיט דורות שפּעטער, א ליבעספּאָר איבער דעם אינזל וואַנדערן און מיד ווערן און זיך אוועקזעצן אויף דעם מיט מאָך באַוואַקסענעם שטיין, און וועלן זיך פארגעסן און זיצן ביז שפּעט אין שטילער נאכט אריין, וועלן זיי דערהערן א שטיל וויינען, א וויינען פון אים, אָדער פון דעם שטיין. אויסערלאך רואיק, אָבער אינווייניק פול מיט שטורעם איז געווען זיין לעבן; גאַנץ רואיג זיינען געווען די לעצטע שעה'ן פון זיין לעבן, נאָר געבענקט האָט ער א קאַפּעטשקע, געבענקט נאָך מענטשלאכע פנימ'ער, נאָך מענטשלאכער שטימע...

גאַנץ שטיל איז ער צוזאמענגעבראָכן. מיט לאנגע שטיקלאך אייז אויף זיינע באַקן.. .ער און דער שטיין....

זיינען דאָס טרערן געווען אפשר? ...

6.

א בלוטיקער פרימאָרגן צאַמט ארום דעם אינזל אין פלאַמען, אין קאַלטע פלאַמען.

פון די שטיבלאך וואַנדערן מענטשן און וואַנדערן אלץ צום ברעג, צום ברעג! אין אויגן וואס גלאַנצן ווי גלאָז, בליצט אויף נאָך אמאָל פונק פון האָפענונג; און זיי וואַנדערן פון ברעג צוריק און ציטערן; שלעפנדיק א שווערע לאַסט אויף זייערע רוקנס, א צלם אין זייערע אויגן. עס קומט קיין שיף און ברענגט קיין עסן ניט פאר די הונגעריקע... און שווימען ניט שיפן דאָרט ווייט פון ברעג, ווייט ביי דעם ברעג פון הימל? ...

דאָס הויפעלע ווערט קלענער און ווייניקער מיט יעדן טאָג; ווייניקער אויגן וואַנדערן זוכנדיק אויף קאַבענדיקע וואַסערן; ווייניקער אויגן קומען צוריק, מיט דעם שווערן צלם אין זייערע אויגן.

ווער קען וויסן! אפשר שווימען, ב׳אמת לוקסוס־שיפן, ווייט אויפ׳ן ברעג פון ים? דאָ איז אייביקייט, אומשטערבלאך עלנט, נאָמענלאָז. און ווער קלערט פון זיי? ווער?...

א בלוטיקער פרימאָרגן צאַמט ארום דעם אינזל אין פלאמען, אין קאלטע פלאמען.

* * *

ווען די ארעמס פון אייביקייט האָבן גענומען זיין גוף בענ־קענדיק ארומצוצאַמען; ווען קאלטע, אייז־קאלטע כוואליעס האָבן ברייט צעעפנט זייערע פיסקעס אים צו פארשלינגען, האָט דאָס לעבן דערוואכט, האָבן זיינע אברים אָנגעהויבן וויינען.

מיט שארפע ציינער וואָס די ענערגיע האָט געשליפן, דער הונגער געשארפט, אזוי ארבעט ער זיך פון וואסער ארויס. ער צעבייסט דאָס אייז און עס צעשמעלצט זיך אונטער זיינע ציינער, ווי מיט גליענדע אייזנס געהאקט. אזוי ארבעט ער זיך ארויס פון וואסער אין וועלכן ער איז אריינגעשפרונגען כדי צו מאכן א סוף צו זיינע ליידן, וואָס האָבן אים באגלייט, וואָס האָבן דעם סקע־לעטנטאנץ פאר זיינע אויגן אויפגעפירט.

א שטיין האָט אין א האנט געגעבן, ער איז ארויפגעקראָכן...

מענטשן האָבן אים געזען; זיינע נאסע קליידער וואָס זיינען אלץ מער און מער פארפרוירן געווארן האָבן אָנגעהויבן קנאקן ווי א בלעכטאַץ. עס האָט זיך קיינער ניט געוואונדערט: „ס׳גייט צום סוף מיט אים ווי אויך מיט אונז; צו וואָס־זשע העלפן, וואו ס׳קען מען ניט מער געהאָלפן ווערן? טויט!...” נאָר דערצו האָט געפעלט די נויטיקע קראפט...

ער אליין האָט זיך אויך ניט געוואונדערט וואס קיינער קומט אים ניט צו הילף, וואָס קיינער ברענגט אים ניט קיין ווארים עסן. ווארים עסן?..

ז׳ער געדאנק האָט זיך אלץ טיפער פארגראָבן אין זיין נשמה. דער געדאנק האָט האָפענונגסלאָז אבער ברויזנדיק אָנגעפאנגען זינגען אין זיין בלוט, ווי שווערער וויין געשטראָמט מיט נייעם קראפט...

ער איז געגאנגען שנעלער ווי פריער, קודם לאנגזאם, דאן שנעלער און שנעלער און מיט אמאָל האָט ער אָנגעפאנגען לויפן;

געלאָפּן, די ווערטער האָבן אים געטריבן: ווארים עסן, געמורמלט צו זיך: ווארים עסן... געבעטן: ווארים עסן... ווארים עסן, און ווען ער האָט אויף זיין בעטן קיין ענטפער ניט באקומען, האָט ער אָנגעהויבן שרייען, געשריגן אזש זיין ווידער־קול האָט געהילכט איבער דעם אינזל, שרעקלאך און שווידערהאפט: ווארים עסן! ... זיין ווידער־קול האָט ארויסגעוואנדערט איבער דעם קנאַקעדיקן און גיגאַנטן אייזנגוף און ווידער צוריקגעקומען, פּוסט און שווער; ווארים עסן, ווארים עסן! ...

ער האָט אפּגעבראָכן א צווייג און זיינע ציינער ארייגגע־גריזשעט אין אים, געגריזשעט ארום אים. ער האָט געקייט דאָס האלץ, געקייקט און געשפּיגן ביז זיינע ציינער זיינען מיר געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן רעוואָלטירן. זיינע ציין זיינען שטייף געוואָרן און קלענער, ווי זיך פאר דער קעלט אין זיין צאָנפלייש פאר־קראָכן.

מיט א ווילדער קללה האָט ער אוועקגעשליידערט דעם צווייג פון זיך און אים נאָכגעלאָפּן א ווילע און מיט זיינע פיס אים אלץ ווייטער אוועקגעשטופּט. ער האָט זיינע הענט אויפגעהויבען, צוויי גוואַלטיקע פויסטן צום הימל ארויף און אָנגעהויבן שילטן, די שיפן, און דעם גאָט וואָס האָט אומבארעמהארציק זיי געלאָזן הונגערן. שוים איז ארויסגעטראָטן אויף זיינע ליפּן, גרינער שוים.

מיט אַמאָל איז ער אין זיך צונויפגעקראָכן, ליידיק געוואָרן, ווי א זייפנבלעזל געפּלאַצט. ער האָט געשפּיגן בלוט.

זיינע פיס זיינען שוואך געוואָרן, האָבן אָנגעפאנגן ציטערן. ער האָט זיך לאנגזאם אויף דער ערד אראָפּגעזונקען, אויף דער ווייסער, מיט שניי־באַדעקטער ערד: „כדי זיך א קאַפּעטשקע אויסרוען, דאן וועל איך ווייטער גיין און זוכן, און עפּעס עסן געפינען; אפשר וועט נאָך קומען א שיף און ברענגען שפּייז... אפשר? ...

גליקלאך שטארבענדער וואָס קאָן נאָך חלומ׳ען...

* * *

שוין איז ער האַלב פארפרוירן.

ער ליגט אויף דער קאַלטער, שנייבאַדעקטער ערד און בעט נאָך גאַנץ שטיל: עסן.. הונגעריק.. מוטער...

ווייכע, זיסע לידער שוועבן אין זיינע אויערן ווי כּאַר־גענזאַנגען, נעמען אים אויף זייערע פליגל און טראָגן אים ווי וויגנ־לידער... וואָס זיין מאַמע פלעגט אים זינגען, ווען זי האָט אים אין שלאָף איינגעוויגט... אַזוי זאַנפט אַזוי שטיל... אים איז געוואָרן וואַרים, אַזוי לייכט, אַזוי ווייך. ער האָט אין טונקעלן באַוואוסט־זיין פון וואַרים־זיין זיינע פיס געשטרעקט. שטייף, אַלץ שטייפער.

און די מאַמע האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכטעלע און אַלץ אַרום אים איז געוואָרן אַזוי שטיל. ער וואונדערט זיך בלויז וואַרום דער הונט בילט ניט.

. . . אַרום אים ווערט פינצטער... פינצטער... זיסע, וואַ־רימע רו...

ער ווערט גאַנץ אַנטשלאָפן, שלאָפט איין, און די ווייכע וואַרימע שניי־דעקן טוליען זיך צו זיך... טוליען זיך צו אים....

6.

צייטן ציען זיך אין דאָס ענדלאָזע. שעה'ן פאַרלירן זיך ווי סטעזשקעס אין לאַבירינטן. טעג באַגראָבן דעם אינזל, און באַ־גראָבן אונטער דער דעק פון טעג און שניי רוט דער אינזל אין קאַלטער מידיקייט. רוען די מענטשן, פרויען מענער און קינדער. אַלע רוען זיי, קאַלט אָטעמענדיק, קאַלט קרעכצנדיק...

* * *

זיצט אַן אַלטע פרוי אין איר כאַלופּקע און קייט די בעט־שפּענדלאַך, און שלינגט דאָס ביטערע שפּייאַכץ אַריין, וואָס פאַלט אין איר מאָגן ווי שטיקער שטאָל.

אַרום איר אין שטוב, ליגן די סקעלעטן פון איר משפּחה: איר מאַן און צוויי קינדער. פוילער אָטעם וואָס גייט אַרויס פון די מתים און דער שטיקנדער לופט דראָט צו דערשטיקן זיי. ווען די טויטע גופים וואָלטן ניט אַזוי געשטונקען, וואָלט זי, די לעבע־דיקע, זיך אפשר דערוואַגט דאָס רויע פלייש צו עסן, אָבער אַזוי? ... עקל כאַפּט זי אַרום ביי דעם אוממענטשלאַכן געדאַנק.

אין דרויסן רעוועט און פייפט דעם שטורעם. טרייסלט די פענצטער, שאָקלט די כאַלופּקע ווי אַ שפּילאַכץ, ווי ער וואָלט עס געוואָלט אומוואַרפן, אָדער אויף זיין רוקן נעמען און אַוועקטראָגן אין דעם ווילדן רינג פון די טאַנצנדיקע כוואַליעס אַריין.

דער שטורעם אַרט איר ניט. זי הערט זיין רעוועו קוים; זי זיצט אויף דער האַלצבאַנק און קייט דאָס האַלץ, דאָס לייז־צעפּרעסענע, פון דעם בעט. זי איז פון איר משפחה די איינציקע וואָס לעבט נאָך. נאָך?..

זי וואָלט וועלן שרייען, זיך די האָר רייסן אָדער רעוועו, רעוועו ווי דער שטורעם..

אָבער זי האָט קיין קראַפט ניט, פאַלט שוואַך אויף דער באַנק צוריק... אַ ווען זי וואָלט געקענט שלאָפן, שלאָפנדיק איר האַנט, די אויסגעטריקנטע, די ציטערדיקע, דעם טויט געבן...

אָבער ניין... ניין! דער שלאָף איז אַנטלאָפן פון הויז; אין דעם שטיבל איז קיין פּלאַץ ניט פאַראַן פאַר שלאָף; פּלאַץ איז דאָרט פאַר הונגער, פאַר לאַנגזאַמען אָפּשטאַרבן...

* * *

זי גלאָצט אויף די סקעלעטן וואָס ליגן אַרום אויף דער ערד און אירע אויגן הויבן מיט אַמאָל אָן פינקלען, אַ פאַרלאַנגענדיקן פינקל.

מיט צונויפגעקניטשטע ברעמען הויבט זי זיך אויף פון דער האַלצבאַנק און פילט פּלוצלונג די קראַפט פון ריזן אין איר בלוט ליאַרמען. זי שלעפּט דעם כמעט נאַקעטן גוף פון איר טויטן מאַן אויפן בעט אַרויף און אַנטבלויזט זיין ברוסט. רייסט די שמאַטעס אַראָפּ און בייסט מיט קאַלטע, מיט שאַרף און גיריקע ציינער אין זיין ברוסט אַריין. בייסט, און סקריפּנדיק אונטער אירע ציין, שלינגט זי דאָס פלייש. איהרע ציינער ווערן אַלץ שאַרפער, אַלץ בעסער הויבט איר אָן צו געפעלן דאָס זיסלאַכע, פאַרשטונקענע פלייש, בייסט אַלץ שנעלער און שלינגט גאַנצע שטיקער אויף איין מאָל, ווי אימיצער וואָלט איר נאָכגעלאָפן, וועלן אויסכאַפּן דאָס קאָסטבאַרע, זיסלאַכע פלייש...

דורך איר בלוט הויבט אָן שטראָמען אַ שווערע מידיקייט, ווי נאָך אַ שטאַרקן מאָלצייט. זי שטרעקט זיך אויס איבער אים, ווי זי איז אויף אים געלעגן. זי שטרעקט זיך אויס און אַ שווער וועלן ריזלט דורך איר גוף... זי זעט ניט די אויפגעריסענע שטעלן אין זיין ברוסט, דאָס פלייש וואָס זי האָט אויפגעגעסן, זי זעט דעם נאַקעטן גוף פון אַ מאַן. ווער איר מאַן האָט זיך אָבער ניט גערירט,

איר ניט באפרידיקט, האָט א ווילדער כעס איר ארומגענומען און זי האָט אנגעהויבן באהאָגלען זיין פּנים מיט אירע פויסטן.

ווי א געדיכטער האָגל זיינען די פויסטן אירע, אויף זיין קאָפּ און פּנים געפאלן. זיין קאָפּ האָט זיך געשאָקלט אונטער אירע קלעפּ, ווי א קיילאכדיקער באָל, אהין און אהער געשאָקלט.. אהין און אהער...

ווי ווען די לופט וואָלט איר אָרעם געליימט, האָט זי פּלוצלינג איר האנט געלאָזט שווער אראפּפאלן.

זי האָט אויפגעהערט שלאָגן און מיט גרויסע גלאנצנדיק פאר־גלאָצטע אויגן אויף אים געקוקט; זי האָט ניט געקענט פארשטיין, ניט געקענט באגרייפן... די אויגן זיינען איר ארויסגעקראָכן פון די אויגן. זי האָט זיך ביים בויך אָנגעכאפּט, זיך שטארקער און שטארקער צו איר בויך געפּרעסט...

. . . און שרעקלאכע קראמפן איז זי פון דער האָלצבאנק ארונטערגעפאלן. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אין שטוב ארומ־געלאָפן, געשריגן פון שמערץ געמוטשעט, און זיך ווי א שלאנג אין ראָד ארומגעדרייט. אירע שמאטעס פון לייב זיינען שטיק נאָך שטיק פון איר אראפּגעפאלן און דער ווינט אין שטוב האָט זיי אויפגעהויבן, ווי געווארט אויף זיי און ארומגעשליידערט, אין שטוב ארומגעשליידערט...

זי איז ארויס פון שטוב, נאקעט איז זי ארויס אין דער שטורעמווענדיקער נאכט, שרייענדיק, קלאָגנדיק, ווי וועלן דעם שטורעם איבערגעשריען... איר קערפּער האָט זיך געקרומט, געדרייט זיך פון שניידנדיקן ווייטיק ווי א שלאנג... שרייען האָט זי מער ניט געקענט; מיט א הייזעריקן קרעכץ איז זי אוועקגעפאלן, ווי א געזונטער בוים פון שטורעם געבראָכן... וואָלקנס ווי ווילד געוואָ־רענע חיות יאָגן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט וואָס שנעלער פארלאָזן דעם אינזל.

. . . .

ביים זונאויפגאנג איז איר גוף געווען גאנץ שווארץ. צי איז דאָס געווען ראָבן פעדערן אויף איר, צי זי איז שווארץ געווארן... ווייסט דאָס די נאכט.

8.

מיט טרויעריקע אויגן קוקט דער וואָלפהונט אויף דעם זיך וואַלגערנדיקן קינד, וועמעס עלטערן דער טויט האָט אומדערבאַרעמדיק צוגענומען. צוויי חיות; א פילנדיק קינד, א פילנדיקער הונט. ווען די עלטערן פון דעם קינד האָבן נאָך געלעבט איז דער גורל פון הונט געווען א גוטער. ער האָט געהאַט צו עסן און די פרייהייט, די ניט ארומגעצאַמטע פרייהייט וואס א לעבעדיק באַשעפעניש קען נאָר חלום'ען. ווען די פישער — ווען זיי האָבן נאָך געהאט די איינציקע שיף, וועלכע דער שטורעם האָט פארניכטעט — פלעגן נאָך אויפן ים ארויספאָרן פלעגט דער הונט טעגלאָך אויף דעם פעלז נעבן ברעג ארויפקריכן, און מיט זיינע טיריש־טרויעריקע אויגן געקוקט אויף די באַוועגטע כוואַליעס... ווי אימיצן דערוואַרט... ווי אימיצן דערוואַרט...

ער פלעגט זיך אוועקלייגן אויף דער שווארצער סקאַלע, און זיינע לאַפּקעס לעקן, לעקן די לאַפּקעס און וואַרטן, וואַרטן אויף זיין חבר'טע — א צווייטן פישערס צויג. די, מיט די אימער לאַנג אראָפּהענגענדיקע אויערן און קורצן איינגעצויגענעם עק. זיין חבר'טע איז געקומען ווי נאָר ער האָט ארויסגעלאָזן זיין לאַנג בענקענדיק וואויען אין דער לופט.

זי איז דאן געקומען צולויפן צום פעלז ווי פארשעמט א קאַפּעטשקע... זיך געציירט, געדרייט לעבן דער סקאַלע א ביסל, ווי דעם „גוטן טאָן" אָפּצוהיטן. זי איז אבער געקומען טעגלאָך אין דערזעלבער צייט, זיך געדרייט א ביסל אָדער אים זיך געלאָזן דרייען ארום איר, ביז זי איז געווארן גאנץ היימיש און אָנגעהויבן לעקן זיינע לאַפּקעס. איר ווייסער צונג האָט געסאָפּעט מיט סלינע. און די ווארימע זונשטראַלן האָבן פריילאך געטאַנצט איבער צופרידענע הינט.

אַמאָל, אָבער, און דאָס איז געווען אין ערב־פרילינג, ווען ער האָט זיין מאָרדע צום הימל געצויגן און שווער און לאַנג געוואויעט, איז זי געקומען — וואָס דאָס פלעגט ניט אָפט געשען — נאָר ביז צו דער פוס פון דער סקאַלע. מיט לאַנגער צונג אין דרויסן איז זי דאן געקומען, אויף אים געקוקט און געוואַרט, אז ער זאָל זי דערזען, און מיט יאָמערדיקע קולות אוועקגעלאָפן... ער איז איר

נאָכגעלאָפן און באַניוכעט דעם וועג, כלומר׳שט ער וואָלט איר געזוכט. און דאָך האָט ער זי געזען, קוים צוואַנציק שריט ווייטער איז זי געשטאַנען און אויף זיין נעענטער קומען געוואַרט, און ווייטער אַנטלאָפן. אין זיינע אברים איז געלעגן אַ שווערקייט; ער איז מער ניט געשפּרונגען אַזוי לייכט און עלאַסטיש ווי אין הערבסט אָדער ווינטער, ער איז אַלץ שטיין געבליבן, זיך אויסגערוט און מיט אַ שווערן וואויען איר נאָכגעלאָפן.

אין יענע ערב־פרילינג טעג פלעגט ער זייער שפּעט אַהיימקומען. אַהיימקומען טיף אין דער נאַכט און זיך פאַרהאַלטן זייער שטיל, ניט אַזוי ווי תמיד. אומעטיק קוקן אין די שטילע נעכט אַריין אָדער אַרויסלויפן צווישן די צעשפּאַלטענע שאַרפע סקאַלעס, און וואָויען, וואויען, ביז די רעווענדיקע כוואַליעס האָבן דעם טאָג געבראַכט, ביז די רויטע מאָרגנזון האָט מיט פלאַמען אים באַגאָסן...

* * *

צייטן וועלצן זיך איבער לענדער און לאָזן סימנים הינטער זיך ווי שיפן אויף ים׳ען פורכן, גרינע, פאַרשיידענע, און פאַרגייען, ווערן פאַרווישט... פאַרגייען...

איינזאַם איז די נאַכט אויפן טויטן ברעג פון קוואַלן און די שטונדן ווייִנען ווי טעג פון נעכט באַזיגט....

זיין חבר׳טע איז שוין לאַנג געקוילעט געוואָרן און זיינע באַלעבאַטים זיינען טויט. די אַבער, די נאָך לעבעדיק־טויטע, זיי האָבן קיין קראַפט ניט מער אים נאָכצולויפן. זיי קריכן אים נאָך שטאַרבן אים בעטנדיק ער זאָל זיך לאָזן עסן..

איינמאָל איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אַ פּאָר טעג. ווען ער איז צוריקגעקומען האָבן זיינע באַלעבאַטים מער ניט געלעבט — נאָר דאָס קינד האָט נאָך געזיפּעט.

דעם גאַנצן טאָג זיצט ער איצט אין שטוב און היט דאָס קינד, באַהיט עס פון די ראָבן און שטשורעס, וואָס ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ ווייניקער מורא׳דיק, און לעקט מיט זיין שמאָלער לאַנגער צונג דאָס פּנים און הענטלאַך פון קינד.

ביינאַכט אַבער, וואַנדערט ער איבער דער פּוסטער אינזל אַרום און זוכט און ניוכעט וואו פאַרגעסענע שפּייז, ווי שפּייז פון

זיינע גוטע צייטן ארויסצוגראָבן. זוכט און גיוכעט ביז מיד, לויפט ער ארויף אויף דער סקאַלע און הויבט אָן צו וואָיען ווי אימיצן רופנדיק, בעטן, פאַר זיך און דעם קינד הילף.

נאָר קיינער הערט אים ניט, קיינער. די פוסטע נאכט כאַפּט אויף זיין וואָיען און צעטראָגט עס איבער די שווארצע רוישנדיקע וואסערן.

. . . און די שיפן ציען ביים ברעג פון האָריזאָנט, ציען — ציען און ציען.

* * *

וואו, וו...א...ו... הויך אויף דער סקאַלע וואס הערשט איבער לאַנד און ים, שטייט דער הונט. ווי א פויסט שטרעקט זיך זיין מאָרדע צום הימל ארויף, אין זיין וואָיען, און קלאָגט דורך דער נאכט... לאַנגע טעג האָט ער זיך איבער׳ן אינזל געיאָגט און ניט שפייז און ניט מענטשן געפונען. עס האָט קיינער אים ניט גע־שלאָגן און קיינער האָט זיינע הונגער־אויסגעדארטע הענט נאָך אים ניט אויסגעשטרעקט.

ווען ער איז מיד געווארן ארומגייענדיק, מיד פאסטנדיק איז ער ווי אפשייד נעמענדיק צום פעלז געגאַנגען. ער האָט געוואָיעט לאַנג און קלאָגנדיק, ווי אָנקלאָגנדיק. ביז א ווינט איז אָנגעקומען און אים דעם שוואכן, ווי א שפּענדל אויפגעהויבן, אין דער לופט ארומגעדרייט, און אין ים אריינגעשליידערט. א שווערער אָפּקלאַפּ האָט זיך צעהילכט איבער דעם אינזל, וואסער האָט אויפגעשפּריצט צוויי־דריימאָל און ווידער שטיל; די כוואַליעס האָבן ווייטער גע־רוישט, גערוישט... ווי גאר ניט...

. . . און דאָס קינד איז געשטאָרבן אלע מיתות פון פיין...

. . . .

דער פעלז ווי דער הונט, האַלט זיין זיין קאָפּ צו דעם הימל ארויף, און — האָרכט מען גוט — קען מען הערן דאָס לאַנג אויסגעצויגענע וואָיען פון הונט: וו..וו...אא...וו...א...או!

9.

טיף אין וואלד איז געשטאַנען א הייזעלע — איצט שטייט עס ניט מער — איז פון שטורעם ווי א זעגל...

דער שטורעם פייפט דורך די לעבער און טאנצט אומעטיק אין צימער ארום. קיינער קען אים ניט איינהאלטן. ס'קען קיינער די לעבער מיט שמאטעס ניט פארשטאָפּן. דער אלטער און זיין ווייב, די לעצטע וואס זיינען געבליבן לעבן, זיינען שוין צו שוואך דערצו. צו שוואך זיך אויפצוהויבן פון דעם געלעגער, און זיי טוען עס טאקע ניט. דער ווינט האָט דעם וועג אין שטוב געפונען, און פון זיין טאָן שלאָגט זיך אָפּ דאָס ווידער־קול פון ליידן..

„מיר זיינען די לעצטע און עלטסטע" — האָט זי געריידט.

„וועט שוין לאנג ניט דויערן", — האָט ער געענטפערט, — „ווער ווייסט, ווער ס'וועט נאָך אונדז קומען ? .. הער איך ניט א פייף פון א שיפסירענע ?"

. . . „ס'איז דער ווינט... נאָר מענטשן וועלן נאָך קומען, וועלן ברענגען עסן"...

די אלטע, זיין ווייב זיצט אויף דעם געלעגער און הויבט גאנץ שטיל אין טייכלאך פון עראינערונגען אים ארייננצופירן, אין אפגעגריזשעטע חלומות. זי שמייכלט א הערלאך, געבענטשטן שמייכל און אויך ער הויבט ביסלאכוויז אָן צו שמייכלען, און אויף מינוטן פארגעסן זיי דעם טויט וואס שארפט שוין זיין קאָסע נעבן דער טיר... געבענטשטע מינוטן...

קומט אבער א דראָענדיק שווייגן צווישן זיי, איז זי ווידער דאָ, מיט אירע שטילע רייד, מיט איר שמייכל, און ווילנדיק, ניט ווילנדיק לאָזט ער זיך פון איר פירן, ווי דורכן גאנצן לעבן מיט אירע שטילע רייד און שמייכל.

זי האָט געזארגט פאר אים איר גאנץ לעבן, זי האָט באקומען א דאנק פון אים, א דאנק.. זי האָט פאר לאנגע, זייער לאנגע יאָרן זיין ליבע געהאַט, און זי האָט ווייטער ערינערונגען אין אים אָנגע־הויבן דערוועקן, ביז ער איז מיד און שוואך אנדרימלט געוואָרן.

זיין קאָפּ איז אראפּגעזונקען אויף איר ברוסט און איצט, ערשט איצט האָט זי דערפילט ווי שוואך זי איז, איר קאָפּ איז אריבערגעפאלן איבער זיין רוקן. ביידע זיינען אראפּגעזונקען צוריק אויף דעם געלעגער און געלעגן שטיל, גאנץ שטיל...

כמעט ארומגענומען זיינען זיי געלעגן...

א שמייכל, א רירנדיקער איז קאַלט געוואָרן אויף אירע דינע

ליפּן; אַנטשולדיק, געליבטער, וואָס איך האָב געשטערט דיין שלאָף. איך האָב מער קיין כח ניט געהאַט, באמת. קיין כח ניט געהאַט; אַנטשולדיק...

שטיל זיינען זיי געגעלן צוזאַמען. שטיל. ניט געזונגען האָבן ליידנשאַפטן מער אין זייער בלוט און זייערע שטימען האָבן ניט געוויינט נאָך ברויט; אויך האָבן זיי ניט באַטרויערט זייער איינציקן זון וואָס איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אויף די ווייטע ים'ען.

זיי זיינען געלעגן שטיל.. נאָר זאַנפּט, גאַנץ זאַנפּט איז אויפגעשטיגן אַ מעלאָדיע אין רוים און אויסגעשפּרייט אירע פליגל ביז ווייט איבער דעם ברעג פון אינזל.

דער ים איז שטיל געוואָרן. די פייגל האָבן אויפגעהערט טרעלן און האָבן שפּעטער פאַר לאַנגער, לאַנגער צייט ניט געקענט זינגען. די ראָבן האָבן אַראָפּגעלאָזן אַ ווײַלע זייערע שנאָבלען, ווי זיי וואָלטן מיט אַמאָל פאַרשטאַנען אַז עס איז פאַראַן העכערס אויף דער וועלט ווי טרינקען מענטשלאַך בלוט... זיי האָבן זיך צוגעהערט צו דער הערלאַכסטער פון אַלע סימפאָניעס, צום אַלטן און פּשוט'ן ליד פון ליבע...

* * *

זיינען עס געווען שיפן וואָס האָבן דאָרט געוואַנדערט אויף דעם ברעג פון האָריזאָנט? זיינען עס געווען האָפענונגען וואָס האָבן דאָרט אַרומגעבלאָנדזשעט? איז עס געווען אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ אויף די אומענדלאַכע וואַסערן?..

קיינער ווייסט דאָס ניט. זיכער איז, אַז פון זינט דאָס ליד וואָס האָט געצוואונגען דעם ים, די פויגל, די בלוט־טרינקנדיקע ראָבן, זיך צוהאָרכן, זיינען עס רייכע שיפן, צי זיינען עס געווען שיפן, צי האָפענונגען, אָדער פאַטאַ־מאָרגאַנאַ, זיינען זיי פאַרשוואונדן; ניט מער געקומען...

... אַ נאַכט איז געקומען...

... טאָג גרויט ווידער...

ניו יאָרק, 10טער מערץ, 1927.

מיט דער הילף פון מארטין בירנבוים פון מיין דייטשישן אָריגינאַל איבערזעצט.

הימלאָז

מאָדנע! ווען בערטאָוו קומט צווישן מענטשן, אין א טעאַ־טער, פאָרנדיק אויף דער הויכבאַן, אָדער אין א פלאַץ וואו מענטשן זיינען פאַראַן, פילט ער מאָדנע געפילן.

ער וואָלט געוואָלט זיך צעלאַכן, ווילד, גרילצנדיק און לאנג.

און ער שטעלט זיך פאָר ווי זיי קוקן זיך דערשראָקן ארום, ווי זייערע אויגן וואַנדערן ארום, זוכנדיק מיט נערוועזער אומרו, ביז זיי געפינען אים און קוקן אויף אים בייז פארוואונדערט: „דו קליינער קריפל, אויך דו, דו ווילסט זיך ארויסווייזן, ווילסט אַז מען זאָל דיך אויך באַמערקן, דו קליינער, קליינער קריפל!" אָדער: „ער איז משוגע געוואָרן, משוגע, נעמט אים אַוועק פון דאַנען, וואו עס זיינען דאָ אנשטענדיקע און ניט קיין פאַר־קריפלטע מענטשן!...

בערטאָוו קוקט אויף א מיידל, וואָס האלט אין איין פו־דערן איר קליינטשיק נעזעלע און קוקט זיך ארום אַז אימיצער זאָל זי באַמערקן, מיט איר אָנפאַנגען צו קאָקעטירן, כדי זי זאָל איר קעפעלע שטאָלץ, אויף שוישפילערישן אופן פארווארפן — און דענקט ווי זי וואָלט בייז געוואָרן ווען ער, בערטאָוו, וואָלט, צו וואָס ער האָט אַזאַ גלוסט, זיך צעלאַכן — עס טאַקע גע־טאָן; ווי זי וואָלט אָנגעצונדן געוואָרן און מיט אירע הויכע קנעפּאַלאַך אויף דער ערד געטופּעט פאַר צאָרן: „דו פארלוי־זיקטער, דו משוגענער גאָרנישט! איצט, איצט ווען מען האָט אויף מיין ניי קלייד, אויף מיר שוין אָנגעפאַנגען צו קוקן, איצט קומסטו און הויבסט אָן צו לאַכן?... און נעמסט די אויגן און געדאַנקען פון אלע, פון מיר אוועק און פאַראייניקסט זיי אויף דיר, דעם אָפּגעריסענעם, פארלויזיקטן קריפל!"...

און א ווילדע פרייד כאַפּט אים ארום — אין זיין ווינקעלע

אויף דער הויכבאַן — און ער דענקט צו דעם מיידל: פאַר־וואָס נעמסטו ניט אַראָפּ די קליידער פון דיר? אַלע וועלן קוקן אויף דיר. דו וועסט זיין די צענטראַלע פיגור און ניט איך, אויך איך וועל אויף דיר קוקן, איך, דאָס קינד פון דער באַוערי, איך, דער הונגעריקער, פאַרלויזיקטער קריפּל!

און אַז די הויכבאַן לויפט אַ קאַפּעטשקע שנעלער, דענקט ער ווייטער: „איך וועל דיך דערנאָכדעם פון זייערע הענט אַרויסשלעפּן און מיט מיר מיטנעמען, צו מיין פּאַלאַץ אין אָר־טשאַרד סטריט, (און זיך פאַרגעסנדיק) דאָרט אין דער פאַר־לויזיקטער שטאַל אונטער דעם צעבראָכענעם וואָגן, וועלן מיר תמיד ליגן, גאַנץ נאָענט גוף צו גוף, און גלויב מיר, עס איז וואַרים דאָרט".

„איך וועל דיר דערציילן, דאָרט אין מיין פּאַלאַץ, אַלץ וואָס איך ווייס. אַ סך פריילאַכס און טרויעריקס, אויך פון זיך וועל איך דיר דערציילן, און איך וועל תמיד אויף דיר קוקן, ניט ווי זיי דאָ, אָן אויפהער, תמיד..."

בערטאָוו דערמאָנט זיך אָן זיין לאַכן און ער גאָרגלט עס אין זיך, ווי קודם עס איבערצוקייען... איבערצוקייען?... יאָ, קודם צו צעקייען...

. . . די הויכבאַן פאַנגט אָן שנעלער יאָגן; די וואַגאָנען ווערן ליידיקער, פוסטער, שטילער; די מיידל איז ערגעץ אַראָפּ־געגאַנגען, פאַרשוואונדן; דער קאָנדוקטאָר צעהילכט ניט מער דעם וואַגאָן מיט זיינע אויסרופן, זיצט אין אַ ווינקעלע און פירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט זיינע אויגן־דעקלאַך וואָס האַלטן אין איין נידערן איבער די רויטע אויגן.

בערטאָוו זיצט אין אַ וואַרעמען ווינקל און קוקט אַרוים אויף דעם שטורמדיקן דרויסן, אויף דעם שטורמווינט, וואָס בייטשט דעם שניי צום פענצטער, ווי אים צו דערמאָנען אַז ער מוז דאָ אויף דער הויכבאַן אַ גאַנצן טאָג זיצן, דאָ אין דער וואַרעם פאַר זיינע פינף סענט, ווייל אין שטאַל, אפילו ס'איז ניט קאַלט דאָרטן, רעגנט אַריין, און אין דרויסן קאָן ער ניט אַרוים מיט זיי־נע צעריסענע קליידער. עסן... עסן?...

די הויכבאַן דונערט ווייטער און צעהילכט, פאַרטויבט די

גאסן; פון דעם צווינטער, אויף דעם וועג קיין פעלהאם בעי, דוכט זיך אז מען הערט מתים יאָמערן, אז זיי קאטשן זיך אומ־רואיק אין זייערע גריבער אויפגערודערט פון דעם אייביקן רעש; נאָר ווייטער יאָגט די הויכבאַן, דונערט און דונערט און דו־נערט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן איז געווען קאלט. א ניט צוגעוואוינטע הארב־סטיקע קעלט. אָפּוועקסלענדיק איז געפאלן א ווייכער און וואַ־רימער שניי, וואָס איז אין פאלן צעלאָזט געוואָרן, אָדער א נאַ־סער, קאלטער רעגן וואָס פרעסט זיך מיט א ציטער אין די ביינער אריין.

פרויען זיינען געלאָפן, איינצלנע פרויען אין דער פריער מאָרגן־שעה — מיט א מאַנטל אריבערגעוואָרפן איבער דעם נאכט־העמד, נאָך ווארים מיט דער ווארימקייט פון שלאָף און ווייכע פעדערן — אין די שפּייז־געשעפטן, כדי איינצוקויפן פאר פרישטיק.

מענער פארשלאָפענע, ניט דערשלאָפענע, לויפן איינגעהוי־קערט אריבער די גאסן, צו דער הויכבאַן־צו אָדער אין דער אונ־טערערדישער, מיט פעקלאַך פול מיט עסן. דער מילכמאַן צע־פירט שוין די מילך — נאָר דער רעגן און שניי גיבן זיך ברוי־דערלאַך די הענט און טאנצן אַן אָפּוועקסלענדיקן טאַנץ פון הארבסט און ערב ווינטער...

די הויכבאַן סטאַנציעס זיינען געווען לער און פוסט, ווי אויסגעשטאָרבן, אָדער ווי די מענטשן זאָלן ערשט דארפן גע־בוירן ווערן; דער עקספּרעס האָט ערשט אָנגעפאַנגען צו לויפן — דוכט זיך נאָך פארשלאָפן — און שלעפּט לערע וואַגאָנען מיט זיך.

און דאָ און דאָרט א שכור; א מיידל מיט א בחור פון א קאַבאַרעט; אָדער א היימלאָזער, וואָס האָט דאָס גליק גע־האַט, ווי אזוי, אָן געלד אין דער סטאַנציע זיך ארייננצושמוגלען און, פאָרט אָן א ציל ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ...

דער רעגן האלט אַלץ אָן, שלאָגט אָן די פענצטער פון וואַגאָן מיט אומעט און די ווארימקייט דאָרט איז פויל און איינ־

שלעפערנדיק. אין איין ווינקל דאָרט זיצט און כראָפּעט אַן אַלטער מאַן מיט דאָרן העמד און צעשפּילעטן קאָלנער; אַ צווייטער זיצט אַנטקעגן און טרינקט פון אַ פלאַך פלעשל עפּעס אַ פאַרפאַרבטע פליסיקייט און פריידיקט — אין דייטש — פון די וואונדער וואָס זיין גאָט האָט אמאָל באוויזן און, אויך פון די וואונדער וואָס דער „געזאַלבטער" קייזער ווילהעלם האָט נאָך אין באוויזן; אַ פּאָרל צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן דרעמלט — אפשר שווישפּילער אָדער פּאַיאַצן פון אַ רייכן קאַ־באַרעט...

דער קאָנדוקטאָר רייבט זיך, פאַרשלאָפן ווי ער איז, די אויגן, און מייקל בערטאָוו, דער וואַגאַבונד, דאָס פאַרקריפּלטע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעשלעפּט, ביז ער איז מיד, הונגעריק און פאַרצווייפלט, אַריין אין אַ סטאַנציע — ניט באַצאָלנדיק — און פאָרט שוין ווידער אַרויף און אַראָפּ, ביז דער הונגער וועט אים ווידער אַרויסטרייבן אויף דער גאַס נאָך אַ שטיקל ברויט... און דער ווינט יאָמערט אין דרויסן, יאָמערט און קלאָגט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

טירן עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך שטיל און אָן גערויש, ווי מיט אַ צויבערהאַנט; יעדעס מאָל ווען אַ טיר עפנט זיך אויף בלאָזט דער ווינט אין וואַגאָן אַ נאַסע קעלט אַריין, און ווידער ווארים, און ווייטער לויפט די הויכבאַן און דער ווינט יאָמערט און קלאָגט...

מייקל זיצט איינגענורעט, אַריינגעקאָרטשעט אין זיך ווי די וואָרעמקייט ניט אַרויסצואָטעמען. ער זיצט אַריינגענורעט אין מאָדנע, און אים אויך פרעמדע געדאַנקען. אַ געדאַנק ווי אַ מאָנומענט שטייט פאַר זיינע אויגן, און פרעסט זיך מיט שאַרפע קאַנטן אין אים אַריין. און פּלוצים שטייען זיי לעבעדיק פאַר אים אוןריידן:

„דו ביסט אַן אידיאָט, אַן אידיאָט!... דער וואָס האָט קיין מעגלאַכקייט ניט צו פאַרדינען, וואָס וויל אַרבעטן, און הונגערט, האָט אַ רעכט, אַ מענטשלאַך רעכט צו גנב'ענען פאַר זיך שפּייז און קליידער!"...

מייקל שווייגט מורא'דיק, ווי אימיצער זאָל האָבן געהערט, אָדער פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען. און אומרואיק קוקט ער זיך אַרום. אים דאַכט זיך אויס אַז אַלע קוקן אויף אים, ציילן מיט די פינגער אויף אים: „זעט, דאָס באַשעפעניש וויל גנב'־ענען, וויל גנב'ענען...״

און מיט אַמאָל, זיך גאַנץ פאַרגעסנדיק וואו ער איז, מורמלט ער צו זיך:

„דו ביסט אַן אידיאָט, אַן אידיאָט!״

נאָר זיינע לאַפּעס זיינען געליימט, ער קאָן ניט אָנרירן וואָס באַלאַנגט ניט צו אים, און זיינע פאַרדינסטן... אויף קיינעם ניט געזאָגט געוואָרן, וואָס אַ קריפּל קען שוין פאַרדינען!...

מייקל הונגערט שוין דעם דריטן טאָג; אַ חוץ אַ זעמל, אַ פאַרשימלט און פאַרפרוירן שטיקל ברויט, וואָס ער געפינט אין אַן אָפּפאַל־קאַן. ער הונגערט און שווייגט און פרירט און שווייגט! נאָר אין אַ קראָם זיך אַריינ'גנב'ענען נאָך עסנ־וואַרג... ניט מייקל!

. . . אַנטקעגן אים, אַן ערשט אַריינגעקומענער, האָט זיך אָוועקגעזעצט אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק ביז פינף־און־דרייסיק. ער איז געווען אָנגעטאָן שוין ווינטערדיק, אין אַ רייכן מאַנטל מיט אונטערגעשלאָגענעם פעלץ. ער איז געזעסן און גע־שמייכלט און זיך גרויסנדיק אַרומגעקוקט. און מיטאַמאָל, ווי זיך אָן עפּעס דערמאָנענדיק, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין קעשענע דאָס געלט־טעשל און עפּעס געזוכט דאָרטן. און מייקל האָט דערזען געלט, אַ סך אין נאַכלעסיק צונויפגעשטופּטע דאָ־לאַרן...

מייקל איז געזעסן איינגעקאָרטשעט, ווי מורא האָבנדיק פאַרדעכטיק צו ווערן. . . די הויכבאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער מאַן איז אַרויסגעגאַנגען. מייקל איז אים נאָכגעגאַנגען. און וואָלט אימיצער אים געווען געפרעגט: „וואו? נאָך וואָס?״... ער וואָלט אין זיך קודם אַריינגעקוקט און אפשר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, נאָר ער איז געגאַנגען...

אַט גייט ער שנעל, אָט ווערט זיין גאַנג קריכנדיק: „וואָס וועט זיין? וואו וועל איך נעמען פינף סענט אין וואַגאָן ווי־

דער אַריינצוגיין? אין דרויסן איז קאַלט, דער שניי בלאָזט מיט נאַסער קעלט אין פּנים אַריין. אים הויבט אָן אַלץ מער צו פרירן, זיינע פינגער ווערן שטייף און שטייפער. און ער גייט נאָך דעם מאַן און פּרואווט זיינע פינגער איינצוקאַרטשן, נאָר ער קען ניט. הויבט ער אָן צו פּלוכן; דער מאַן דרייט זיך אויס, דענקנדיק אַז מען פּלוכט אים. נאָר דערזעענדיק אים, מייקלען, דעם פאַרקריפּלטן מענטש, האָט ער עפּעס אַ מרוטשע געטאָן צווישן די ציין ווי: „קרוק" און ווייטער געגאַנגען און אפשר געקלערט פון געשעפטן וואָס לויפן אין די טויזענדער און זיך געריבן זיינע הענט, ווי פאַר פרייד פון אַן „עפּעס", וואָס פירט אים אין דער פריער מאָרגן־שעה דורכן בראָנקס פּאַרק...

דאָך מיט אַמאָל האָט די אומרו אַראָפּגענידערט איבערביידע. דער מאַן האָט אָנגעפאַנגען צו פילן אַ פרעמדע, אומבאַקאַנטע לאַסט אין דריקן, און מייקל, ווי איינער וואָס גייט צום שייטער־הויפן פאַר אַ מאָרד. ער האָט פּלוצלונג זיך דערזען פאַרן ריכ־טער־שטול, ער האָט געזען דעם ריכטער בייז ווערן און אים פאַראורטיילן אויף יאָרן אין גפענגעניש. און אינסטינקטיוו איז ער שטיין געבליבן, ער האָט געוואָלט צוריק גיין...

נאָר אין דערזעלבער מינוט, ווי זיך צו איבערצייגן אַז זיין אומרו איז איינבילדונג בלויז, האָט דער מאַן זיך אויסגע־דרייט מיטן פּנים צו מייקלען. מייקל איז געשטאַנען מיט איין האַנט אין קעשענע, ווי אַ רעוואָלווער דאָרט האַלטנדיק. האָט דער מאַן זיינע לאַנגע לאַפּעס אויפגעהויבן און זיך געבעטן דאָס לעבן ביי מייקלען... מעכאַניש האָט מייקל דאָס געלד פון זיין קעשענע אַרויסגענומען און געשטאַנען מיט שווער־אַראָפּגע־לאָזטע הענט, ווי אַ געליימטער און אויפן מאַן און געלט גע־קוקט...

דער מאַן, דערזעענדיק אַז מייקלס קעשענע איז ליידיק, האָט ער אים, דעם אויסגעהונגערטן און אָפּגעשוואַכטן, מיט איין זעץ אויף דער ערד אַוועקגעלייגט, און געשריגן, געשריגן מיט הייזעריקער שטימע: „פּאָליציי, פּאָליציי!"...

בערטאָוו איז געלעגן אויף דער ערד און געוואָלט זיך אָנ־פאַנגען בעטן ביי אים, אָבער ניין! אין געפענקעניש איז וואַרים,

אויך עסן וועט ער באַקומען!... ער האָט זיך געוואָלט אויפֿ־הויבן און איז צוריק אַוועקגעפֿאַלן. אים איז שוואַרץ פֿאַר די אויגן — טונקלקייט, פֿינצטער...

די נעץ האָט זיך אַריינגעפֿרעסן אין פֿאַרהונגערטן און פֿאַר'חלש'טן; דער מאַן איז איבער אים געשטאַנען און גע־וואַרט און אפֿשר האָט ער געקלערט אַז ער האָט דאָ אַ גוואַלטיקן פֿאַרברעכער געכאַפּט. אפֿשר. ווער ווייסט דאָס... ער וועט שוין וויסן, וואָס דער פּאָליציי צו דערציילן, ער וועט שוין וויסן...!

דער ווינט האָט געוואָיעט ווי אַ געפּייניקטער הונט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ניו יאָרק, אויגוסט, 1927.

זון־אויפגאַנג

1

אַלץ האָט זיך פאַר אים פאַרענדערט, אַזוי האָט זיך אים אויסגעדאכט. ער האָט די עמפּינדונג געהאט אז דאָס איז אזוי.

אים האָט עס מער ניט געשטיקט אין שטאָט, ווען זיין אויג איז זוכנדיק אַוועק, אַ שטיקל גרינס, אַ צווייג, אַ בוים צו געפינען. די מענטשן זיינען אים ניט מער פרעמד פאָרגעקומען ווי אַמאָל; זייערע פּנים'ער זיינען אים נאָענט און ליב געוואָרן; יעדעס פּנים איז אים באקאנט פאָרגעקומען, ער האָט עס ערגעץ געזען,, מיט דעם מענטשן באַקאַנט געוועזן...

אויף יעדן ראָג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַלע מענטשן נאָכגעקוקט, און זיך איבער זיך אַליין געוואונדערט: „בין איך געשלאָפן די גאַנצע צייט?... בין איך דאָך אַן אייביקער פרעמדער צווישן זיי געווען! און איצט, איצט זיינען זיי מיר אזוי נאָענט, אזוי באַקאַנט"...

ווערטער האָבן זיך אויף זיינע ליפּן געשטופּט. נאָר ער האָט זיי אין זיך פאַרבאַהאַלטן, ווי אַ זיסן יובל וועלכער פאַרלירט זיין ווערט, ווען מיט טרוקענע ווערטער דעפינירט: אַ סוד פון דער ערשטער ליבע, אָדער פון אַ צוריקגעפונען לעבן... ווי ער וואָלט פון אַ זיכערן טויט זיך ווי־אַזוי געראַטעוועט און דאָס לעבן מיט נייע אויגן געזען...

זיין פאַרגאַנגענהייט איז פאַר אים אָפּגעשטאָרבן, מיט יעדן טראָט אין דעם פרילינג־מאָרגן אַלץ מער אָפּגעשטאָרבן. די אילוזיע אז ער איז אַן אייביק ציללאָזער וואַנדערער איז פאַרבלאַסט געוואָרן פאַר זיינע אויגן — די אילוזיע אז ער פאַרט אויף אַ באַן, מיט זיינע פּלייצעס פאָרויס און מיט זיינע אויגן צוריק־

ווענס, אויף זיין פֿאַרגאַנגנהייט אָנגעשטרענגט, און אַז מענטשן קומען אַריין אין זיין וואָגאָן; פֿרעמדע, אייביק פֿרעמדע מענטשן... אַז אַמאָל ווערט ער מיט זיי נאָענט און נאָענטער; ביז אויף אַ סטאַנציע, וועמעס נאָמען ער געדענקט קיינמאָל ניט, אַראָפּגיין; פֿרעמד און איינזאַם צוריקבלייבן, אַליין מיט זיין אומעט און בענקעניש, אַליין. און ווייטער מיט דער באַן פֿאָרן, ווייטער אָן אַ ציל, אָן אַ סוף...

זיין פֿאַרגאַנגענהייט איז אָפּגעשטאָרבן פֿאַר אים; ער איז אַרומגעגאַנגען און יעדע רגע שטיין געבליבן. יעדן מענטש נאָכגעקוקט און אַלע דאָסזעלבע געוואָלט זאָגן: „האָט מיטלייד מיט מיינע דערינערונגען, האָט מיטלייד און זאָגט מיר, ענטפֿערט: וואו און ווען האָב איך אייך געזען? אייערע פּנים'ער זיינען ליב און פֿריינטלאַך אין מיר פֿאַרבליבן"...

ער האָט אָבער זיינע ווערטער אין זיך פֿאַרבאַהאַלטן און געפּרייט זיך מיט זיי ווי אַ קינד... ער גייט אַנטקעגן אַ נייעם מאָרגן, זיין נייעם מאָרגן...

* * *

ווי איבער נאַכט איז אַלץ פֿאַר אים אַנדערש געוואָרן.

ער איז געשטאַנען ביי דער גיגאַנטישער מאַשין אין זיין אַרבעטספּלאַץ, ווי שטענדיק געשטאַנען און זיך צוגעהערט, ניט צוהערנדיק, ניט דענקנדיק, צו דעם ריטם, צו דער מוזיק פֿון דעם יאָר־הונדערט.

געשטאַנען ווי שטענדיק; איין פּאַפּיראָס אָן דעם צווייטן פֿאַררויכערט און מיט זיינע הענט פֿיבערדיק געאַרבעט; געריסן וואַטע אין פּיצלאַך און זיי צעוואָרפֿן. ער האָט געשפּיגן דעם גאַנצן טאָג, געשפּיגן ווי פֿון עקל פֿאַר זיך אַליין. און פֿראַגעס פֿלעגן צו אים קומען; ווי וויזיעס זיך פֿאַר זיינע אויגן אוועקשטעלן, אומדערבאַרמדיק אויף איין פּלאַץ שטיין: „צו וואָס לעבסטו און פֿאַרוואָס?".... דער גיגאַנט פֿלעגט אויפֿכאַפּן די ווערטער און זינגען: צעהאַקן די ווערטער אין שטיקלאַך, ווי זיי צעקייען קודם: „פֿאַר... וואָס... פֿאַר... וואָס?" און זינגען ווייטער מיט זיין גוואַלטיקער שטימע, שנעלער, ווי אָפּלאַכנדיק: „צו... וואָס... צו וואָס?"...

ער איז דאַן בייז געוואָרן און אַלץ געוואָרפן וואס עס איז אין זיינע הענט אריין, אויף דער פאַר־זיינע־אויגן שטייענדיקער וויזיע. נאָר די וויזיע איז פאַר זיינע אויגן פאַרבליבן, ווי אַ לעבעדיקע גאָטהייט, פאָדערנדיג, פאַרלאַנגנדיק:

„צו וואָס לעבסטו?... נאָך וואָס?"...

„לעבן הייסט נאָך עפּעס שטרעבן... האָבן אַ ציל, אַ שטרעבונג פאַר זיינע אויגן. לעבן הייסט דער מענטשהייט זיך מקרב זיין; לעבן אָן ליב־לעבן הייסט אַ לעבעדיקער מת זיין"...

און דער גיגאַנט האָט דעם רעפרעין אין זיין פּיסק אריינגעכאַפּט, און געזונגען, געראוישט, אַלץ שנעלער, אַלץ שטאַרקער:

„צו וואס לעבסטו... פארוואָס לעבסטו?"...

שוויים האָט זיך אָנגעהויבן צו גיסן פון זיין שטערן; מורא־שוויים פאַר שגעון. ער איז ווילד איבער דער פאַבריק ארומגעלאָפן ביז ער איז צוגעפאַלן צו אַ אייזן און אויף דער ערד אוועקגעפאַלן...

ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט מיט אַמאָל, אויף אַמאָל אין אים עפּעס צו זינגען אָנגעפאַנגען: אַ רוישנדע, צום לעבן צוריקרופנדע מעלאָדיע. די מוזיק־פליגלען האָבן זיך איבער אים צעשפּרייט, אים איינוויגנדיק, ארויסוויגנדיק צו אַ נייעם לעבן...

אַלץ האָט זיך פאַר זיינע אויגן פאַרענדערט; שוין ביי זיין מאַשין, אַליין שטייענדיק, ווי תמיד אויף זיין צוגעטיילט, אָפּגעטיילט פּלאַץ, האָט ער אַ נייעם טאָן דערהערט, אַ באַרוישנדן, צו דעם לעבן צוריקרופנדן טאָן.

ער האָט פון דער זייט, ווי ער איז געשטאַנען פּנים צו פּנים צו דער מאַשין, זיך אויסגעדרייט און איר גלייך אין גאָרגל, פון ווייטע לונגען, מיט טריאומפירנדיקן קול אריינגעשריגן: „איך וועל לעבן, איך וויל לעבן!"

„לעבן!" האָט דער גיגאַנט געזונגען: „לעבן"...

די פאַבריק האָט ער פאַרלאָזט; די מאַשין ניט אָפּגעשטעלט, דעם גיגאַנט וואָס צערייסט, צעקייט די וואַטע פאַר דעם פיינעם גומען פון דער צווייטער מאַשין. ער איז ארויסגעלאָפן און די גאַנצע נאַכט ארומגעלאָפן עפּעס מורמלענדיק, עפּעס זינגענדיק.

ווען ער האָט זיך אַ מידער אין שטאָט־גאָרטן אויפגעכאַפּט,
איז די זין יונג און רויט אין מזרח אויפגעגאַנגען...

* * *

און דאַן איז ער אויפגעשטאַנען אַ פרעמדער צו זיך אַליין,
אַ פרעמדער און נאָענט באַקאַנט צו די מענטשן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם גאָרטן, געגאַנגען, זיך מיט די מענטשן געפרייט און מיט זיין ניי לעבן. און זיין וועג איז פאַר אים קלאָר און דייטלאַך געגאַנגען, קלאָר, מיט אַ ציל...

און פּלוצלונג האָט ער אָנגעפאַנגען צו לויפן, זיינע פיס האָבן אים געטראַגן ביז אין אַ וואָקזאַל אַריין, ביז אויף דעם שיין־לויפנדיקן צוג... ער איז דאַכט זיך אַרומגעפאָרן ווי אַ ליבהאָבער מיט זיינע טרוימען. ער וויל מיט זיי אַליין זיין... ער איז פילנדיק, ניט וויסנדיק, אַרויסגעפאָרן צו זאַמלען קראַפט פאַר זיין נייעם וועג. און אפשר איז דאָס אַ טונקעלער אינסטינקט גע־ווען, וואָס האָט אים פון דער שטאָט אַרויסגעטריבן, כדי ער זאָל זיך נאָך מענטשן פאַרבענקען, די אין אים ערשט דערוואַכטע ליבע צו זיי קולטיווירן...

ווער קען יעדן געדאַנק, יעדן אינסטינקט אונדזערן גרינטלאַך אַנאַליזירן? ער האָט זיך אַ סך מאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין; איצט איז זיין פריילאַכקייט צו טיף, צו ניי און ערנסט פאַר אים, ער זאָל זי וועלן אָדער קענען גרינטלאַך פאַרשטיין...

ער איז אַרויס געפאָרן... אַרויס!

2

ווידער אַ פרימאָרגן.

דער פרימאָרגן איז שוין אַ סימבאָל פון זיין לעבן; זיין לעבן איז אַ נייער מאָרגן.

דער נעפּל הויבט זיך אויף לאַנגזאַם פון דער ערד און צע־גייט זיך העט אויבן אין די קלאָרע עפירן. די פייגל הייבן אָן צו זינגען; און דער הימל רויטלט זיך שוין אין מזרח אינטער די בערג. די לאָנקעס שפּרייטן זיך און גלאַנצן אין דער ראָסע; די וואַסער שלאָגן צו די רעגן, קושן די ברעגן, ווי זיי וואָלטן

אָפּשיד נעמען פון דעם אינזל און אַוועקגיין אין די ווייטן, אַוועקוואַנדערן זייער טונקל־שווער וואַנדערן אָן אַ ציל. ער וואַנ־דערט אַרום אויף דעם אינזל און בלייבט פאַר יעדער בלום שטיין ווי פאַר אַ וואונער. ער פילט ווי אָפּצערייסן אַ פּאָר אין זיי צוזאַמענבינדן אין אַ קראַנץ... נאָר ער קען דאָס ניט טאָן, ניט איצט.

ער פילט ווי זיך אָנצוביייגן צו דער ערד און יעדעס בלי־מעלע אין זיינע הענט נעמען און עס גלעטן, אַזוי ווייך, אַזוי זים...

פאַר איין בלום בלייבט ער שטיין און פּלוצלונג אַנטפּלעקט זיך די וויזיע פאַר זיינע אויגן: ער פּאָרט אויף אַ באַן. ערגעץ דורך די האָלענדיש פלאַכע פעלדער. דער צוג בלייבט אויף אַ וואָקזאַל שטיין און אַ מיידל קומט אַריין. אַ מיידל שיין און שטראַלנדיק ווי אַ פרילינג־מאָרגן. זי האָט זיך אַנטקעגן אים אַוועקגעזעצט און זיי זיינען ווייטער געפאָרן, פּנים צו פּנים. שטום זיינען זיי געזעסן און זיך אין די אויגן געקוקט, און געשוויגן. דער צוג האָט מיט אַמאָל אָנגעפאַנגען לאַנגזאַמער צו פאָרן; זי האָט זיך אויפגעהויבן און אים ווייטער אין די אויגן געקוקט. און מיט אַמאָל זיך איבער אים אַריבערגעבויגן און אים שוואַר־טונקל געקושט... זיך אויסגעדרייט און... אַרויס־געגאַנגען.

די מאַשין איז שטיין געבליבן און ווייטער געגאַנגען; ער איז אַליין געבליבן מיט אַ בילד פאַר זיינע אויגן טאַנצנדיק, מיט איר פּנים; ער האָט געזען איר גרויס און בלאַס פּנים; דאָס ברייטע טרויעריק־שיינע מויל; און די אויגן, אירע גרויסע, שוואַרצע און רונדע אויגן...

די וויזיע איז פאַרבלאַסט געוואָרן; ער איז ווייטער געגאַנגען און די טרויעריגקייט ביי דער בלוטיק רויטער בלום איבערגעלאָזן.

נאָך אַ סך וויזיעס האָבן פאַר זיינע אויגן זיך אַנטפּלעקט... דאָס איז דאַכט זיך אויף דעם בית־עולם פון זיין פאַרגאַנגענהייט...

נאָך זיין פרימאָרגן אין קאַמף מיט דער נאַכט; דער הימל רויטלט זיך ערשט אויפן מזרח אונטער די בערג...

* * *

ער איז ווייטער געגאַנגען און געזוכט...

זיין נשמה איז אומרואיק געוואָרן ווי א פויגל אין א נעסט; זי האָט אָנגעהויבן צו זוכן, זוכן מיט א ציל.

נאָר די וויזיעס, וואָס האָבען אים תמיד פאַרפאָלגט, האָבן אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן ווי אַ צאַנקנדיק ליכטל וואָס פלאַקערט נאָך אויף פאַר פאַרלעשען, פאַרן טויט...

די שאָטנס האָבן אויף אים געקוקט, ווי אויגן פון אַ קראַנקן אויף אַ צווייטען קראַנקן קוקן, וואס ווילן געזונט ווערן אויף יע־נעמס קראַנקהייט. דער קוק האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן זיין רוקן און אָפּגעשטאָרבן צו זיינע פים; ער וויל געזונט ווערן; אויף זיין קראַפט ווען זיי מוזן געזונט ווערן! מוזן...

זיינע ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. זיי האָבן א וואָרט געמורמלט, איין איינציק וואָרט: „וואורדא"...

ער האָט געפילט ווי ער ווערט פריי, ווי זיין אָטעם ווערט לייכט און פריי — ווי ער וואָלט פון זיינע אַלטע קליידער ארויס און געוואָרן א נייער מענטש — „וואורדא"!... ער האָט די באַ־דייטונג פון דעם וואָרט ניט געוואוסט, ניט געוואָלט וויסן; „וואורדא"!

די זון האָט אָנגעהויבן ארויפצוקריכן אויף דעם הימל; „קום" — האָבן זיינע ליפּן געמורמלט, — „קום" — האָט ער נאָכ־געזאָגט ווי ענטפערנדיק... און ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דעם רוקן צו דער זון און ער איז געגאַנגען... ארויס פון זיך צו די מענטשן געגאַנגען. דאַן האָט ער זיך נאָך איינמאָל אויס־געדרייט און צוריקגעקוקט — צו דער אויפגייענדיקער זון גע־קוקט, ווי מיט קראַפט זיך אָנצואָטעמען פאַר זיין נייעם וועג, צוריקגעקוקט אויף דעם האַלב־אינזל פון זיינע איינזאַמקייטן וואָס זיינען קראַנקהייטן געווען, ווי מ'קוקט אויף א קבר צוריק איבער וועלכן מען האָט אַריבערגעשפּאַנט צו אַ ניי לעבן...

. . . און די זון איז רויט און יונג איבער זיין קאָפּ אויפגעגאַנ־גען און באַשיינט און באַלויכטן זיין וועג... „וואורדאַ!"...

ניו יארק, מאַי, 1927.

אַ קינד

אַמאָל איז דאָס געשען, מיט יאָרן צוריק, מיט טעג צוריק, אָדער נעכטן, אָדער גאָר היינט. ווער ווייסט דאָס? נאָר גע־טראָפן האָט זיך דאָס. אין אַ וואַלד איז דאָס פאָרגעקומען... צי דערפאַר זיינען די פיר בעטלער דאָרט זיך צוזאַמענגעקומען, וואָס זיי האָבן — ווי אַלע מענטשן ווילן און טוען דאָס — זיך געוואָלט אויסריידן, דערלייכטערן די שווערקייט פון איינגעזאַפּטן ווייטיק, צי דערפאַר וואָס דער צופאַל האָט זיי צוזאַמענגעפירט, דאָס ווייסט קיינער ניט, ניט די קלוגע פון דער וועלט, און ניט די פייגל אין וואַלד דאָרט. די נאַכט האָט אָנגעפאַנגען פאַלן, צוזאַמענצוברעכן פאַרן טאָג; די ביימער האָבן לאַנגזאַם זיך גע־בויגן, ווי צוגעהערט זיך צו זייערע אויסגעזונגענע לידער און די מעלאָדיעס, אָדער אפשר די אַריעס געוואָלט אויף דער ערד כאַפּן. זיי האָבן געקוקט אין שטילן ציטער פון דערוואַרטונג; די לבנה איז אַרויסגעקראָכן פון קאָלדרעס וואָלקן, אַרויסגעקראָכן און ווידער פאַרשוואונדן, אַזוי געשפּילט זיך ווי וויזן די קינדער פון דער ערד, זיי לערנען ווי אַזוי ליכט, אַפילו קאַלטס, צו שאַנעווען...

די פיר מענטשן: אַ קריפּל, אַ בלינדער, אַן אַלטער מאַן און אַ פרוי, זיינען געזעסן לעבן אַ פייערל וואָס האָט געטליעט און ווידער אויפגעפלאַקערט. זיי זיינען געזעסן און געשוויגן דאָס שווייגן פון ווארטן...

נאָר די פרוי האָט געציטערט אומרואיק אויף איר פּלאַץ. צי דערפאַר וואָס זי איז געווען נייגיריקער פון אַלע, צי דערפאַר וואָס איר, ווי די אַנדערע, האָט זיך אויסגעוויזן אַז זיי הערן עפּעס, וואָס איז ענלאַך צו אַ געיאָמער פון אַ זויגלינג, וואָס איז אָבער אויך ענלאַך צו דעם קול פון ביימער נאָך האַלבנאַכט, ווען זיי זיינען אַליין — דאָס וועט די צייט אונדז דערציילן... און פּלוצ־

לונג האָבן זיי דאָך אָנגעפּאַנגען צו ריידן: די מאָס פון שווייגן, ווי אַ בעכער פול מיט וויין, איז איבערגעפילט געוואָרן, איז ארויסגערונען, קודם לאַנגזאַם און דערנאָך שנעלער, האָבן זיי אַלע אין זיך אריינגעקוקט, זיינען אריינגעגאַנגען אין די לאַבירינטן פון זייער ווייטיק און זיי האָבן אָט אַזוי צו ריידן אָנגעפּאַנגען:

אַלטע פרוי: אַ קינד שרייט...

קריפּל: . . . ווען איך האָב געזונגען היינט אויף דער גאַס, איז אַ מין צו מיר צוגעקומען און, מיר אַ מטבעה געבנדיק, זיך פּאָר צוויי קליינגעלט גענומען; ווען איך האָב שרייען אָנגעפּאַנגען האָט מען מיך ארעסטירט... זיי האָבן מיין גאַנץ געלט מיר צוגענומען... די הינט!

אַלטע פרוי: אַ קינד יאָמערט!

בלינדער: ס'איז דער ווינט, שווייג!... אַ יונגער בחור האָט מיך היינט איבער דער גאַס אריבערגעפירט און מיך געפרעגט צי איך ווייס, אַז דער הימל איז גרין. ער האָט אין מיין האַנט אַ מטבע אריינגעשטופּט, אַ שטיקל רונד אייזן איז דאָס געווען... אַ קינד!

אַלטע פרוי: אַ יונגערמאַן האָט מיך לעצטנס געפרעגט צי איך דענק נאָך חתונה צו האָבן. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב שוין לאַנג, לאַנג צוריק חתונה געהאַט, און צי ער זעט מיין חופּה־קלייד ניט?... ער איז אַ פאַרשעמטער אוועקגעגאַנגען... דער אָרימער!

קריפּל: די לופט איז קיל און שאַרף, שוין צוויי טעג זיינען פאַרגאַנגען ווען איך האָב אין מיין מויל דעם לעצטן ביסן געהאַט: צי האָסטו עפּעס צו עסן, אַלטער מאַן?...

אַלטער מאַן: שוין לאַנג, לאַנג בין איך אויף די שליאַכן ניט געווען... נאָר היינט באַגינען האָט דער הונגער מיך אָנגעפּאַנגען שטאַרק צו פּלאָגן! האָב איך מיין וועש געוואַשן און מיך ריין געמאַכט צו דעם שמוציקן וועג... איך בין צו די אָרימע געגאַנגען, ווייל די רייכע האָב איך ניט געוואָלט פאַרשעמען מיט זייער רייכקייט. — בין איך אַ הונגעריקער צוריקגעקומען, ווייל די אָרימע האָבן מיר גאָרניט געקענט געבן. איך בין מיד און הונגעריק צוריקגעקומען און הונגער מיט דיר,

מיין ברודער... — אָ, מיינע ברידער! וואָלט איך רייכע קליי־דער געהאַט, וואָלט איך צו די רייכע געגאַנגען בעטלען... אָ, ווי רייך זיינען מיר, בעטלער, ווען מיר מוזן ניט רויט ווערן געבנ־דיק נדבות! ווען אונדזער שאַנדע מוז ניט רויט ווערן!

אַ ל ט ע פ ר ו י: פאַרוואָס, אָ פאַרוואָס קענען ניט אַלע גלייך, אָדער אַלע מ ע נ ט ש ן זיין?

ק ר י פּ ל: אויב מענטש, זאָל מענטש זיין מוזן פאַרקריפּלט זיין!

ב ל י נ ד ע ר: ... אַלע וועלן ז ע ע נ ד י ק ווערן!

אַ ל ט ע פ ר ו י: שוין ווידער הער איך אַ קול יאָמערן: איך גיי דער שטים נאָך, אפשר וועל איך געפינען דאָס קינד...

אַ ל ע ד ר י י (שווייגן דאָס שווייגן פון וואַרטן... און זי איז צוריקגעקומען, און געבראַכט אַ וויקלקינד אויף אירע הענט און אַלע האָבן ווייטער געשוויגן, ביז זי האָט אָנגעפאַנגען און זי האָט אזוי געזאָגט):

אַ ל ט ע פ ר ו י: עס וועט מ י י ן . . . אונזער קינד בלייבן!

ק ר י פּ ל (און ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַרומגע־קוקט אין אַלע זייטן, ווי זוכנדיק זיינע פריערדיקע ווערטער, און ווען ער האָט דערזען אַז זיינע ווערטער זיינען פאַרלוירן געגאַנגען מיט זיין עכאָ, האָט ער אַזוי געזאָגט): זאָל דאָס קינד מיט אונדז בלייבן, ס'וועט געזונט ווערן איבער מיר, דעם קריפּל.

ב ל י נ ד ע ר: לאָז מיר פילן דאָס ווייכע און וואַרימע קער־פּערל פון דעם קינד, שוועסטער, עס וועט איבער מיין בלינד־קייט זעענדיק ווערן!

אַ ל ט ע ר מ אַ ן: . . . זאָל דאָס קינד מיט אונדז בלייבן, דאָס אומענדלאָך רייכע, מיט אָרימקייט באַשאָנקענע, און געזונט זיין מיט דעם אייביקן בילד פון דעם קריפּל פאַר זיינע אויגן; זיינע אויגן וועלן זעענדיק ווערן און פאַרשטיין וואָס עס הייסט: זען... ער וועט מיט אונדז בלייבן און געניסן די זעלבסטלאָזע ליבע פון אַ מוטער וואָס פאַרמאָגט גאָרניט... און איך, איך וועל אים שטיין ביי דער זייט און אים לערנען אונטערשיידן צווישן די וואָס האָבן און די וואָס האָבן ניט; איך וועל פאַר

אים די שאַנד אַנטפּלעקן, די חרפּה פון די וואָס האָבן און קענען ניט געבן ווייל די זאַטקייט האָט זיי געלײמט געמאַכט, זייערע הענט פּאַראַליזירט... זאָל מיט אונדז, ער אָדער זי, אונדזערס בלייבן !...

קריפּל: זאָל עס בלייבן מיט אונדז, מיט מיר!

אַלטע פרוי: אין מיר וועט זי בלייבן.... מיט מיר, מיט אונדז!

בלינדער: מיט מיר וועט ער בלייבן, מיט אונדז!

אַלטער מאַן: ווי אַ גנב שלייכט די נאַכט פון דאַנען, קומט, מיר וועלן שלאָפן גיין, רוען, קראַפט זאַמלען פאַר דעם בעטלער קינד, פאַר דעם נייעם מענטש!...

אַלטער מאַן: קומט, די שטערן ווערן בלאַסער, קומט, מיינע ברידער!

. . . און ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, איז אויפגעשטאַנען דער אַלטער מאַן און געווענדט זיינע אויגן צו אַלע פיר זייטן פון הימל ביז זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם מזרח, און ווי ער האָט פּלוצלונג דערזען דאָס ווערן, דאָס געבוירן ווערן פון באַגינען, דעם ערשטן זונשטראַל, האָט ער זיינע הענט ברייט און פריי צעעפנט: זיינע אויגן זיינען געווען פייכט און גלאַנצנדיק, ער האָט זיי אויפגעהויבן צו דער אויפגייענדיקער זון... ער איז געשטאַנען אַזוי לאַנג... לאַנג... — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

מאַרקאָ טשערעפּאכא

.1

ווי אַ באַוועגנדיקער סילועט, ווי אַ שאָטן אַנטקעגן דעם פאַרבנדיקן און טונקל־ווערנדיקן האָריזאָנט, רירט זיך קוים פון ווייטן קוקנדיק דער רייטער אויף זיין שוויים באַדעקטן פערד. ער דריקט אַלץ טיפער זיינע שפּאָרן אין בויך פון פערד און ער שלאָגט אַלץ שטאַרקער דאָס פערד מיט דער בייטש. אַלץ שנעלער יאָגט זיין פערד און ווילדער לאַכן זיינע אויגן, און זיין מויל עפנט זיך ביז צו די אויערן. ער לאַכט, דער מענטש דאָרט אויף זיין פערד, לאַכט אַלץ ווילדער און גרילצנדיקער; זיין לאַכן צעשיט זיך איבער דער שטילער, ביינאַכטיקער געגנט; איבער דעם וואַסער און די ברעגן, איבער וועלכע ער יאָגט, און וואָס בלייבן ווי אין דער לופט געבליבענע זאָמען וואָס צייטיקן זיך ניט. זיין עכאָ קומט ניט צוריק, סע דוכט זיך אַז ס'האָט מורא צוריקצוקומען...

הינער צעפּאָלאָשעטע פליען אויף, און הינט הייבן אָן צו בילן. מענטשן לויפן ארויס, יעדן פאַרנאַכט לויפן זיי ארויס, די הוציגלן *). יעדן פאַרנאַכט, ווען ער יאָגט מיט זיין פערד פאַרביי, ווי אַ וויכער, ווי אַ שטורמווינט. יעדעס מאָל, ווען זיי דערזעען אים, צלמ'ען זיי זיך איבער; און די קינדער פאַרבאַהאַלטן זיך הינטער די קליידער פון זייערע מוטערס און הייבן אָן צו וויינען. דאַן חלומ'ען זיי פון דעם ווילדן רייטער, פון דעם רייטער אָן אַ נאָז.

זיי חלומ'ען פון זיין פנים, וואָס איז שרעקלאַך און שוידער־האַפט, ווי זייער פאַנטאַזיע פון גהינום... חלומ'ען און שרייען, און זאָגן שוין צו גוט צו זיין...

---

*) באַוואוינער פון די קאַרפּאַטן.

נאָר דער רייטער קומט פּונקט יעדן פאַרנאַכט, מיט די פאַלנ־דיקע שאָטנס קומט ער יאָגנדיק אויף זיין פערד איבער די ברעגן פון טשערעמאָש, און לאַכט זיין שרעקלאַך שווידערהאַפט לאַכן.

און ווען אַ לבנה־שטראַל פאַלט ניט אומיסטן באַלייכטנדיק זיין פּנים, פאַלן די הוצילן ווי פון בליץ געטראָפן צוריק; זיינע ציין גרויס און שאַקאַלהאַפּטיק, שטעקן אַרויס פון זיין מויל; זיין נאָז איז איינגעפּלעטשט ביז צום פּנים־פלאַך; און זיינע אויגן זיינען טיף שוואַרץ און שילטנדיק; איין אויער, דער לינקער, פעלט אים — זיי פאַלן צוריק און נעמען זייערע קינדער מיט זיך אין שטוב אַריין — און גייענדיק שפּייען זיי און צלמ׳ען זיך, צלמ׳ען זיך און קוקן זיך מורא׳דיק אַרום. די הינט בילן ניט מער, הייבן זייערע מאָרדעס צום הימל און שיקן אים נאָך אַ לאַנג, אין־דער־נאַכט־זיך פאַרלירנדיק וואָיען...

לאַנג נאָך זעט מען דאָן דעם רייטער יאָגן און דאָס בליצן פון די פּאָדקאָוועס באַלויכטן זיין וועג. לאַנג נאָך זעט מען אים ווי אַ סילועט אַנטקעגן דעם הימלראַנד זיך אָפּשלאָגן, ביז די נאַכט קומט, די שטילע, די טיף־טונקעלע קאַרפּאַטן־נאַכט, און הייבט אויף די בערג, בוימער און וואַסערן מיט אים, און צעשמעלצט זיי, פאַרשמעלצט זיי אין איין אומבאַוועגלאַך שווערער מאַסע.

מאַרקאָ טשערעפּאַכאַ איז דער ביינאַכטיקער רייטער, מאַרקאָ דער היצל פאַר וועמען די היצילן פלעגן זיך צלמ׳ען...

* * *

מאַרקאָ טשערעפּאַכאַ איז אַלס יונגער בחור אין די קאַר־פּאַטן געקומען. זיין היים איז געווען אין מערב, אין די פּויליש־גאַליצישע וועלדער. זיין פאָטער איז געווען איינער פון יענע מאַזורן, וואָס האַסן, ווי די פּעסט, די אידן און שלאָגן זייערע ווייב און קינדער, און טרינקען שנאַפּס פאַר וואַסער.

ער האָט באַדאַרפט זיין אַ שוסטער, זיין פאָטער; אַ שילד איז געהאַנגען אויף זיין טיר: „יאַן טשערעפּאַכאַ, שוסטער״. נאָר ער האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט. ער האָט ניט געאַרבעט, ער, יאַן טשערעפּאַכאַ, ניין! נאָר יעדן שבת די פענצטער אויסגע־שלאָגן אין זיין הויז, אָדער אין פרעמדע הייזער; פלעגט ער כאַפּן פּעטש, און אַלע זונטיק נייע אַריינשטעלן מיט דעם געלט וואָס די

געזעלן האָבן פארדינט, אָדער מיט זיין ווייבס געלט, וואָס זי האָט פון גרינס געלייזט, אָדער פון פלעכטן קויבערס שפּעט אין דער נאַכט.

יאַן טשערעפּאַכאַ איז געשלאָפן דורך די נעכט ווען זיין ווייב האָט געאַרבעט, געאַרבעט און געוויינט, געוויינט און געאַרבעט... ער איז געשלאָפן און דורך דעם שלאָף „זשידזיע" געהירזשעט, „זשידזיע".

„זשידזיע", האָט ער געהירזשעט און זיך אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און וויטער געשלאָפן. זיין ווייב איז געזעסן ביי דער פארקילטער קיך און געאַרבעט אויף די קויבערס, און געקוקט אויף די געזעלן און מאַרקאָן וואָס פלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין אַרבעטן; אויף אירע קליינינקע זעקס קינדערלאַך געקוקט, וועלכע זיינען ארום איר געזעסן, מורא האָבנדיק אַליין, אָן איר שלאָפן צו גיין. מורא געהאַט, וויל, ווען יאַן, זייער פאָטער, כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, שלאָגט ער זיי אַ סך מאָל אויף זייערע געלעגערס. האָט ער ערשט ניט לאַנג דאָך זיין אינגסטן אַ צאָן אויסגעשלאָגן און מאַרקאָן אַן אויער מיט אַ קיכ־מעסער אָפּגעהאַקט, ווען ביידע זיינען געשלאָפן. זיי האָבן מורא און וואַרטן אויף זייער מוטער; און זי אַרבעט און וויינט, און קלאָגט איבער אירע ליידן...

און דאָך איז זי צופרידן וואָס יאַן שלאָפט, צופרידן, וויל ערשט נעכטן ביי דער נאַכט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז ער געווען ערגער פון אַ חיה. האָט זי אים דאָך געבעטן אַז ער זאָל מיט איר אריינגיין אין זיין שלאָפצימער, זי איז זיין ווייב און ער, יאַנעק, איז איר מאַן; זי ווערט אים ניט, ניין!...

ניין... נאָר ער האָט זיך ניט צוגעהערט וואָס זי האָט גער־רעדט; ניט געקוקט וואָס די געזעלן זיצן און אַרבעטן. ער האָט זי ביי די האָר פון ווינקעלע ארויסגעשלעפּט, אויף דער ערד אוועק־געלייגט און איר קלייד צעריסן... איר איינציק קלייד. די קינ־דער האָבן געשריגן, און די געזעלן האָבן מורא'דיק געשוויגן; זי איז געלעגן אונטער אים, געהערט זיין ווילדן סאָפּען און זיך גע־שעמט... געשעמט...

ווען ער איז אוועקגעגאַנגען האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז זיין גאַנג איז אַנדערש, מער מענטשלאַך.

זי איז צוגעפאַלן צו די פיס פון די געזעלן און זיי געבעטן, זיי באַשוואוירן מאַרקאָן גאָרנישט צו דערציילן. זי האָט גע־וואוסט, אַז ווען מאַרקאָ זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער אים געטויט; ער טראָגט שוין לאַנג אַ האַס צו זיין פאָטער, נאָך פון דער צייט ווען ער האָט אים אַן אויער אָפּגעהאַקט אין שלאָף. זיי האָבן צוגעזאָגט, די געזעלן; זיי האָבן פאַר יאַנעקס קלעפּ זיך געהיט; און די צייט איז אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט...

איצט איז זי צופרידן וואָס ער שלאָפט; זי זיצט און מאַכט אויס ווייכע שטעקעלאַך קאַשעס און קוקט אויף די קינדער וואָס דרעמלען שוין, איינס צו דעם צווייטן זיך טוליענדיק, און וויינט און קלאָגט איבער אירע ליידן...

* * *

מאַרקאָ איז אַכצן יאָר אַלט געווען, ווען זיין פאָטער האָט אים, דעם שלאָפנדיקן, אַן אויער אָפּגעהאַקט. ווען ער איז פון דעם שפּיטאָל אַ טויבער ארויסגעקומען האָט ער זיך פאָרגענומען זיין פאָטער צו דערמאָרדן. זיין מוטער אָבער, פילנדיק וואָס ער טראַכט, האָט אים אַזוי לאַנג געבעטן, ביז ער האָט איר צוגעזאָגט יאַנעקן גאָרניט טאָן, צוגעזאָגט אונטער איין באַדינג: ער מוז זיך בעסערן. ער האָט ליב געהאַט זיין מוטער, די קליינע צע־ברעכלאַכע, פון נויט און פעטש צעריבענע פרוי...

זי איז צו יאַנעקן צוגעגאַנגען אים צו וואָרענען. צו יאַנעקן צוגעקומען . . . האָט זי פון איר בוזעם געלט ארויסגענומען, דאָס געלט וואָס זי האָט אין אַ יאָר צייט אָפּגעשפּאָרט פאַר אַ פּאָר קינדער־שיכלאַך, און עס מיט אַ מורא'דיקן שמייכעל, וואָס איז שטענדיק געווען אויף אירע ליפּן, יאַנעקן געגעבן. מאַרקאָן האָט זי דערציילן אַז יאַנעק וועט זיך בעסערן. יאָ, ער וועט זיך בע־סערן... זיכער!...

נאָר מאַרקאָ איז אַנדערש געוואָרן, אַן אַנדערער מענטש. ניט ווי פריער. נישט מער דער שטילער, דער ארבעטנדער מאַר־קאָ. ער איז געוואָרן ווי שטום. קיינמאָל קיין וואָרט ניט ארויס־גערעדט, נאָר שטענדיק געזעסן שפּרינג־אָנגעגרייט אויף דעם וואָר־

שטאָט און אַ מעסער געהאַט אין זיין האַנט און עם געשאַרפט. זיין האַנט האָט אים געביסן... געביסן...

יאַנעק איז אַן אַנדערער געוואָרן, ווי שנעל ער האָט מאַרקאָן דערזן; זיין געשטאַלט איז ווי אין זיך אַריינגעקראָכן, ווי אַ יאָזש אין אַ דעפענסיווער שטעלונג. אַרויסגייענדיק אָבער, אַריינגייענדיק אין זיין שלאָפּצימער האָט ער אַ פּויסט געמאַכט; זיינע אויגן האָבן געברענט; און זיין לאַנגע, שטענדיק ווייסע צונג איז אַרויסגעשטאַנען און זיינע ליפּן געלעקט, געלעקט ווי פאַר אַ גוטן מאָלצייט. האָט מאַרקאָ זיך אויסגעדרייט אין דער מינוט, איז יאַנעק קלענער און קלענער געוואָרן און זיך אַרויסגעשטופּט פון דער שטוב. זיך אַרויסגעשטופּט און געהירזשעט: „זשידזיע... זשידזיע”... מאַרקאָ איז דאַן לאַנג ניט געזעסן אויף דעם וואַרשטאַט; צו זיין פאָטער אין צימער אַריינגעשריען אַז ער וועט אים טויטן, ווען ער וועט זיין מוטער אָנרירן און אַרויסלויפן...

אים האָט געשטיקט אין שטוב דאָרט, און דאָס מעסער איז געווען שאַרף אין זיין האַנט, שאַרף געגלאַנצט אונטער דעם וואַרשטאַט-לאָמפּ. ער פלעגט אַרויסלויפן; אַם ליבסטן איז אים אין אַזעלכע ציטן אַ גאָס רעגן געווען, אָדער אַ שטורם. איז ער אַנטקעגן דעם שטורם און רעגן געלאָפן, געלאָפן ביז ער איז צוזאַמענגעבראָכן. אוי, ווי דאָס האָט אים אָפּגעקילט, ווי לייכטער עס איז אים געוואָרן דאַן!...

אָדער אַריינקריכן אין אַ פרעמדן שטאַל און אַ פערד אַרויספירן; אונטער דעם געשריי פון די באַלעבאַטים זיך אָפּרייטן, און אויף די פלאַכע פעלדער אַרויסרייטן. אַ סך מאָל אין אַזאַ שטימונג, איז דאָס פערד אונטער אים צוזאַמענגעבראָכן; דאָס איז זיין קילונג געווען, זיין אַנטלויפן פאַר זיין שאָטן, פאַר דעם מעסער...

די נאַכט פלעגט אים איינהילן, אַ מידן צו איר ברוסט...

.2

סטאַשעק, סטאַשעק פון ליטשאַקאָוו, אַ באַרימט קינד פון דער גאַס פון עלנט און פראָסטיטוציע, איז געזעסן אונטער אַ בוים און זיך געשיצט קעגן רעגן. ער האָט זיך צוגעדעקט מיט

א שמאטע, וועלכע ער האָט „געפונען" ביי א הויז ליגן, און אויך מיט א שטיק זיך אונטערגעשפּרייט און געטרונקען טיי פון א פלאַש. ער האָט געקלערט וואָס שנעלער אין א הויז אריינקריכן ערגעץ, אָדער אין א שטאָל כדי זיך אויסצורוען פון זיין געהעצטן און מידן וועג.

אין ליטשאַקאָוו, אין דער בארימעטער, שווארצער גאס פון לעמבערג, איז ער געווען א היטער, היטנדיק דאָס געלט וואָס די פראָסטיטוטקעס האָבן פארדינט, ווי אויך פאר דער פּאָליציי. נו — טרעפט זיך וואָס סע זאָל זיך ניט טרעפן ; מ'האָט אים ביי זיין „ארבעט" געטראָפן. האָט דער געהיים שעף אים, סטאַשעקן, געוואָלט ארעסטירן. האהא ! אים סטאַשעקן ארעסטירן ?... ער איז זיכער א נייער געווען אויף דער גאס : פאר סטאַשעקן האָבן אלע מורא געהאַט... אלע !...

איצט זיצט ער דאָ אין פּויליש גאַליציע, אין א דערפל, און דער פארדאמטער רעגן וויל גאָר ניט אויפהערן. ווען ער וועט שפּעטער מיט א פּאָר וואָכן צוריקקומען, וועט אלץ זיין שטיל און פארגעסן... און ער וועט זיין וואָס געווען ; באמת, זיין סטאַשעק פון ליטשאַקאָוו !...

סטאַשעקס געדאנקען זיינען מיט אמאָל, ווי א צעפּאָלאָשעטע סטאַדע הינער אָפּגעפלויגן. ער האָט זיך שנעל ארומגעקוקט און זיין מעסער, דאָס קליינע, שארפע מעסער וואָס האָט שוין א סך בלוט געטרונקען, פון דעם גארטל ארויסגעשלעפּט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויף דעם בוים אָנגעשפּארט. ער איז געשטאַנען און געוואַרט, געוואַרט אויף דעם רייטער וואָס קומט אלץ נענטער ווי א וויכער פליענדיק... זיין מעסער איז שארף אין דער האנט געלעגן. דער רייטער איז געפלויגן און די בלאָטע האָט ארום אים געשפּריצט. ער איז געזעסן אריבערגע־בויגן אויף דעם פערד ; זיין קאָפּ איז שטייף אויף דעם האלז פון פערד געלעגן. עס האָט זיך אויסגעוויזן אז ער שניידט די לופט, אז מ'הערט דאָס וויינען פון געשניטענער לופט. סטאַשעק האָט פארגעסן אָן זיין מעסער, ער האָט זיך שיר א שטיק ליפּ ניט אָפּגעביסן פאר פארוואונדערונג. אַ, ווען ער קען אזוי רייטן !... זיין וואונדערן זיך איז שנעל אָבער פארוואנדלט געוואָרן אין

שרעק, איז פאַרקילט געוואָרן, ווי מיט היים וואַסער באַגאָסן.

מאַרקאָס פערד איז צוזאַמענגעבראָכן אונטער אים ניט ווייט פון דעם בוים וואו סטאַשעק איז געשטאַנען. דאָס פערד איז שוין געלעגן אויף דער ערד און מאַרקאָ איז אַלץ נאָך געזעסן, געזעסן אויף דער נאַסער ערד, אַריבערגעבויגן ווי אויף אַ הויכן באַרג רייטנדיק; און זיינע אויגן האָבן געברענט די ווערנדיקע נאַכט.

האהאָ! סטאַשעק האָט געשריגן און מאַרקאָן צו זיך צוגע־וואונקען. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט ווי צוויי פיינט, אָדער ווי צוויי וואָס ווילן אַ בונד שליסן, נאָר געטרויען זיך ניט. סטאַשעק האָט לאַנגזאַם זיין מעסער אין גאַרטל אריינגעשטעקט און געקוקט אויפן מעסער און מאַרקאָן, ווי: „דו זעסט מיין מעסער איז קליין און שאַרף, עס שניידט שנעל און גוט”... ווי פון אַ מאַרגנגרוי אַרויס, איז אַ געדאַנק ליכטיק און צייטיק געוואָרן אין מאַרקאָס קאָפּ: ער וואָלט געקאָנט מיין מוטער שיצן קעגן יאַנעקן — — ניט אַזוי ווי די געזעלן, די פייגלינגס.

„ווי איז דיין נאָמען?” האָט מאַרקאָ געפרעגט...

„סטאַשעק, סטאַשעק פון ליטשאַקאָוו”...

„און דו וואָלסט געוואָלט אַרבעטן?” האָט מאַרקאָ ווייטער געפרעגט.

„אַרבעטן אַלס שוסטער? איך וואָלט דיך אויסגעלערנט... נאָר אַלס שוסטער, פאַרשטייט זיך, נאָר אַלס שוסטער”...

אין מאַרקאָס שטימע איז געלעגן סודעוודיק־צוזאָגנדיקס; סטאַשעק האָט זיינע שמאַטעס פאַרפּאַקט און אַוועק מיט מאַרקאָן; אים האָט געצויגן אין אַ שטוב און וואַרים עסן. וואָס שפּעטער וועט זיין זאָל זיך אַ צווייטער זאָרגן; ניין, סטאַשעק זאָרגט זיך קיינמאָל ניט... פּאַרדאַמט, ניין!...

מאַרקאָ איז געגאַנגען און מיט יעדן טראָט פאָרויס זיינען זיינע שטערן־אָדערן אַלץ בולטער און אָנגעשוואָלענער געוואָרן. זיינע נעגל האָט ער אין דער דלאָניע אריינגעשניטן ווי פאַר מורא אויסצעשרייען. זיינע ליפּן האָבן געציטערט; און זיינע ציין, שאַרפע און לאַנגע, האָבן געשניטן די טונקלקייט. פון זיין שטערן

איז דער שוויים גערונען, צי שוויים, צי וואַסער פון דעם רעגן האָט ער ניט געוואוסט...

ווען יאַנעק האָט מאַרקאָן און סטאַשעקן דערזען, האָט ער זיך אַ פינגער פאַר צאָרן אָפּגעביסן און איז אַוועקגעלאָפן, שפּאַלטנדיק די נאַכט און רעגן, אין שיינק אַריין.

מ׳דערציילט, אַז קיינער האָט יאַנקען ניט געזען נאָך אַזוי טרינקען, ווי אין יענער נאַכט, קיינמאָל ניט; און זיין ווייסע צונג האָט געלעקט די ליפּן, געלעקט ווי צו אַ גוטן מאָלצייט...

* * *

די נאַכט איז טיף און שוואַרץ. שטיל און איינזאַם ליגט זי איבער דעם פאַרשלאָפענעם דערפל און דרעמלט אין דער טונקלקייט אַריין. פון ווייטן טראָגט זיך דאָס בילן און וואָיען פון די הינט, דאָס לאַנג אויסגעצויגענע וואָיען ווי פאַר אַ פייער; אַ האָן קרייט ערגעץ און ווערט ווידער שטיל. די נאַכט ווערט אַלץ טיפער און שטילער.

מאַרקאָ זיצט ביי דער קאַלטער קיך און דענקט, אַז עס מוז שוין זיין ביי דריי אַזייגער אין דער נאַכט אַריין; אַ האָן האָט דאָס צווייטע מאָל געקרייט...

ער האָט ניט געקאָנט שלאָפן. אַלע זיינען שוין געשלאָפן. ער הערט דאָס שנאָרכן פון די געזעלן, וואָס שלאָפן אויף דעם וואַרשטאַט מיט שטרוי אונטערגעבעט; און דאָס אויס־דעם־שלאָף־ריידן פון סטאַשעקן. זיין מוטער האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו וויינען, דאָס פאַרשלייערטע שווערע וויינען פון אַ חלום אַרויס. ער האָט זי אויפגעוועקט און געפרעגט וואָס עס האָט זיך איר גע׳חלומ׳ט. „גאָרנישט", האָט זי געענטפערט, „גאָרנישט" — און ווייטער אנטשלאָפן געוואָרן, דענקענדיק אַז מאַרקאָ איז שוין אין בעט...

מאַרקאָ האָט ניט געקאָנט שלאָפן די נאַכט; די אומרו איז אַריין אין זיינע ביינער און אים אַ וואַכנדיקן, ביי דער קיך צוגעהאַלטן. ער האָט עפּעס ניט גוטס פאָרויסגעפילט; די אומרו האָט געפליסטערט אין זיינע אויערן: „עס וועט געשען עפּעס די נאַכט... עפּעס"...

ווען יאַנעק איז אין שיינק אַריינגעלאָפן, האָט ער געוואוסט

אַז דער קאַיאַ וועט אים אַ טויט־שכור'ן אהיימברענגען, אַ ווילדן נאָך מער ווי שטענדיק; האָט ער דאָך דעם בליק וואָס יאַנעק האָט אים און סטאַשעקן צוגעוואָרפן באַמערקט, פאַר זיין אַוועקגיין.

ער איז לעבן דער קאַלטער קיך געזעסן און מעכאַניש זיין מעסער געשאַרפט, זיין מעסער געשאַרפט, און אויף זיין פאָטער געוואַרט... געוואַרט...

אים איז אַ זאַך פון זיין קינדהייט אָנגעפאַלן; ווי זיין פאָטער האָט איינמאָל זיין קליין הינטעלע געמוטשעט; ווי ער האָט גע־ווייִנט דעמאָלט און געוואָלט דאָס הינטעלע פון יאַנעקס הענט ארויסנעמען; ווי יאַנעק איז בייז געוואָרן, אים געשלאָגן און „זשיד" אָנגערופן.

„איד", האָט זיך מאַרקאָ געוואונדערט? וואָרום רופט ער מיך שטענדיק „איד"? ער האָט קיין צייט ניט געהאַט ווייטער איבער דעם צו קלערן; ער האָט שריט דערהערט און זיי דערקענט.

אין שטוב איז געווען טונקל. מאַרקאָ איז געזעסן ביי דער קיך און דעם אָטעם איינגעהאַלטן. יאַנעק איז אין שטוב אַריינ־געקומען; און מאַרקאָ האָט זיך געמוזט וואונדערן: עפּעס ניט ווי שטענדיק, אַזוי שטיל...

מאַרקאָ איז מיט אַמאָל אָפּגעשפּרונגען, ווי אימיצער וואָלט אים געהאַט געשטאָכן: ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ, ווי אַ שטיק אייזן וואָלטביינער געבראָכן, און אַ געיאָמער ווי פון אַ שטאַרבנדן. ער האָט שנעל אָנגעצונדן דאָס ליכט, וואָס איז לעבן אים אויף דעם קיך־אויוון געלעגן, אָנגעצונדן און זיין מעסער אין דער האַנט גענומען. יאַנעק האָט סטאַשעקן צעבלוטיקט און איז געשטאַנען איבער אים און געלאַכט, געלאַכט, און זיין צונג ארויסגעשטעלט און זיינע ליפּן, די אויסגעלעקט־גראָבע, געלעקט...

ווען ער האָט מאַרקאָן דערזען מיט מעסער און ליכט אין דער האַנט, איז זיין לאַכן ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן, אָדער אין האַלז שטעקן געבליבן; ער איז מיט זיין האַנט איבער דעם שטערן געפאָרן ווי ווענדיק זיך אָן עפּעס דערמאָנען, ווי איינער וואָס דערזעט אַמאָל אַ פּנים, און מיט דער האַנט זיך אין קאָפּ קראַצנ־דיק, פרעגט ער וואו ער האָט דעם פּנים געזען, אָדער זיך ווענדיק דערמאָנען אָן אַ זאַך וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געזען; זייגע

אויגן האָבן מיט אַמאָל אָנגעפאַנגען צו לייכטן און זיינע ציין צו קריצן; ער האָט ווי אַ רויב־חיה, הונגעריק און צערייצט פון מענטשלאַכן בילד, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מאַרקאָן.

מאַרקאָ איז אַוועקגעשפּרונגען צו דער זייט; דאָס ליכט איז אַרויפגעפאַלן אויף דעם וואַרשטאַט, וואו די געזעלן זיינען געשלאָפן מיט שטרוי אויסגעבעט, דאָס שטרוי אונטערציגנדיק... נאָר דאָס שטיק אייזן וואָס יאַנעק האָט אים געוואָרפן האָט מאַרקאָן געטראָפן און זיך אין זיין נאָז אַריינגעהאַקט. ער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. פאַר זיינע אויגן האָט דאָס צימער אָנגעהויבן צו טאַנצן; אים איז שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן, ווי שטאַרק ער האָט זיך געוועהרט אַנטקעגן דער טונקלקייט: פינצטער. . . . עס האָט ניט לאַנג באַדאַרפט האָבן גענומען זיין חלשות. ווען ער איז אויפגעשטאַנען איז יאַנעק נאָך געשטאַנען אויף דעם אָרט ווי פריער, נאָר זיינע ליפּן אַ סך שנעלער געלעקט ווי פריער, אַ סך שנעלער...

פון מאַרקאָס מויל און נאָז האָט זיך דאָס בלוט געגאָסן ווי פון אַ צעבער. זיין צאָרן איז אָבער שטאַרקער געווען ווי זיין ווייטיק; ער האָט שוין אַ סך מאָל געפילט דאָס בלוט פון זיך רינען; ער איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען און דאָס מעסער אויפגעהויבען. דאָס פייערל פון זיין אַראָפּגעפאַלן ליכט איז גרעסער און העלער געוואָרן, געשפּענסטערהאַפט באַלויכטנדיג די שטוב; אַלע זיינען געשלאָפן, אויך סטאַשעק איז געלעגן שטיל, אויסגעשטרעקט שטיל. ווי יאַנעק האָט מאַרקאָן זיך אויפהויבן דערזען, האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען לאַכן. אַזאַ ווילד פאַרשלייערט לאַכן, ווי דאָס גאָרגלען פון אַ דערטרינקענדיקן, און זיך ניט גערירט פון פלאַץ. זיינע הענט זיינען אַראָפּגעהאַנגען מיד און לער.

מאַרקאָ איז אויפגעשטאַנען און שריט נאָך שריט, מיט אָנגעבויגענעם קאָפּ, ווי אַ שטיר צום קאַמף, צוגעגאַנגען צו יאַנעקן. זיין מעסער איז געווען פון דעם פויסט אַרומגעקראַמפּעוועט. ער איז צוגעשפּרונגען צו יאַנעקן און אויף אים זיך געוואָרפן. מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיין פאָטער געוואָרגן און מיט דער רעכטער . . . איינס, צוויי און דאָס דריטע מאָל דאָס מעסער אין זיין ברוסט אַריינגעזעצט.

יאַנעק האָט זיך ניט געוועהרט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט קודם ניט פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך; ער איז ווי אַ קלאָץ מיט דעם מעסער אין דער ברוסט, אויף דער ערד אומגעפאַלן... און געלאַכט, געלאַכט מיט זיין בלוט גאָרגלענדיק ווי אַ דערטרינקענדיקער...

מאַרקאָ איז אַרויסגעלאָפן. אַ טיכעלע צו זיין צעפּלעטשעטער, מיט בלוט פאַרגאָסענער נאָז צוגעלעגט. געלאָפן, געלאָפן ווי אימיצער זאָל אים נאָכלויפן...

ווען ער האָט זיך, שוין ניט וויט פון דעם וואַלד, נאָך אַ גוטער שטונדע לויפן, אויסגעדרייט, איז זיין הויז אין העלע פלאַמען געשטאַנען; דער שטרוידאַך האָט אומדערמידלאַך פייער געשפּיגן... אַ פלאַמענדיקער מאָנומענט, אַ פלאַמען־אָפּגרונט צווישן אים און זיין יוגנט; ער האָט געוואוסט, אַז קיין וועג וועט אים צו זיין מאַמען, צו זיין יוגנט ניט צוריקפירן... קיין וועג...

ער איז ווייטער געלאָפן, אַלץ ווייטער און ווייטער, און אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז אימיצער שרייט אים נאָך, אַ קול פול מיט לייד און פאַרצווייפלונג, אַ פרויענשטים באַגלייט אים, לאָקט אים צוריק: „מאַרקאָ!... מאַרקאָ!... מ אַ ר ק אָ ! . . ."

3.

ווען מאַרקאָ האָט זיך צו די קאַרפּאַטן דערשלאָגן, איז ער געווען אַן אויסגעהונגערטער, אַ מידער און אַן אָפּגעריסענער. אויפן וועג איז ער אַ געבערגס־באַנדע אין די הענט אַריינגעפאַלן און זיך ביי זיי דורכגעשלאָגן אַ פּאָר וואָכן, ביז זיין נאָז איז אַ ביסל צוגעהיילט געוואָרן.

זייער לעבן, אָבער, זייערע אייביקע נאָכוואַנדערונגען, זיינען אים ניט געפעלן; און מורא האָבנדיק, אַן אָפּגעברענטער ווי ער איז געווען, דער פּאָליציי אין די הענט אַריינצופאַלן, איז ער אַנטשלאָפן און אויף זיין וועג אַרבעט געזוכט.

נאָר קיינער האָט אים ניט געוואָלט אויף זיין הויף אַרבעטן, אָדער אים די שאָף פאַרטרויען אין די פּאָלאָנינעס; האָט מען אים געגעבן אַ שטיק ברויט און די טיר פאַר זיין נאָז צוגעקלאַפּט. אים האָט זיך געטראָפן, אַז איינמאָל האָט אַן אַלטע הוצילקע פון אירע

זאַקן ארויסגעשלעפּט געלט און אים דאָס געגעבן און מיט אַ וויינענדיקער שטים פאַרזיכערט, אַז זי פאַרמאָגט ניט מער, ביי גאָט, זי האָט ניט מער... ווען ער האָט געוואָלט דאָס געלט איר צוריקגעבן, איז זי אין הויז אריין אנטלאָפן, אין הויז אריין, און זיך געצלמ'ט אַז דאָס איז איר לעצט, דאָס איינציקע וואָס זי פאַרמאָגט...

אַזוי איז זיין וואַנדערונג געווען ביז צו אַ דערפל פון די קאַרפּאַטן. טויט־מאַט פון הונגער און מיט שרעקלאַכער מידי־קייט, איז ער אַוועקגעפאַלן אין אַ שליאַכגראָבן און הונגער־ווייזיעס געהאַט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ שוויס געבאָדענער, האָט שוין געמוזט זיין מאָרגענגרוי. הוציקן זיינען געפאָרן אויף זייערע קליינינקע בערג־פערדלאַך אין די פעלדער, און האַלב־קינדער האָבן שאָף־הערדן אין די פּאָלאָנינעס געטריבן און געשפּילט זייערע טרויעריקע לידער אויף די לאַנגע הילצערנע פייפלאַך און דער אויפגייענדער מאָרגן האָט זיי געטראָגן איבער די בערג קלאָרע און געלייטערטע.

ער איז פון זיין פּלאַץ אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט אויף דער וואַנדערונג. אויף דעם האַרטן, דעם שטיינערנעם, ניט אויסגעטראָטענעם וועג פון אַ בעטלער; די האָפנונג אַרבעט צו געפינען האָט ער אויפגעגעבן; ער האָט זיך געפרעגט, צי ער זאָל בעסער ניט צוריקגיין צו די באַנדעס; „דאָרט איז מיין פּלאַץ“, האָט ער געמורמלט... „מיין פּלאַץ“...

„זשידזיע“, האָט ער זיך געבייזערט; „זשידזיע“... און מיט זיין ווייסער מיט שליים פון שלאָף באַלייגטער צונג געלעקט זיינע ליפּן.

„זשידזיע.... זשידזיע...“ ער האָט זיין פאָטערס הייזעריקע שכור־שטים דערקענט אין זיינער. דאָס וואָרט האָט אים באַ־לייט. ניט אַזוי דאָס וואָרט ווי די שטים; זי האָט אים באַלייט און נאָכגעבילט, ווי אַ זיך לאַנגווייליקנדיקער הונט: „זשידזיע... זשידזיע“...

* * *

מאַרקאָ טשערעפּאַכאַ ליגט אין בעט. מאַרקאָ טשערעפּאַכע!

ווען ער איז וואך געוואָרן איז דאָס זיין ערשטער געדאַנק געווען. ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערזען אַ מאַן לעבן זיין בעט. דער מאַן איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע און זיך גע־פּעכלט מיט אַ פּאָכער. ער איז געווען קיילעכדיק ווי אַ פּעסל און זיין בויך איז אַראָפּגעהאָנגען צווישן זיינע פיס. זיך אויסגעדוכט, אַז ער פאַלט באַלד אַראָפּ, אַזוי ברייט ווי ער איז געזעסן, אָין רייסט זיך אָפּ. זיין פּנים איז געווען רונד ווי אַ לבנה, מיט אַ סך לבנה׳לאך ארויסשיינענדיק. זיינע האָר זיינען בלאָנד געווען; נאָר זיינע אויגן האָבן ניט האַרמאָנירט מיט דער אילוזיע פון פעטער גוטסקייט. זיי האָבן, שילטנדיק איבערן צימער ארומ־געוואַנדערט.

מיד פון זיין הענקעריי, מיט אַ סך געלט, האָט ער זיך אויסער דעם דאָרף דאָ, אַלס קאָנצעסיאָנירטער הוציל באַזעצט. ער אַליין האָט שוין ניט געאַרבעט, ער האָט געהאַט געזעלן און לעריונגען וואָס האָבן די אַרבעט געטאָן. נאָר איין זאָרג האָט ער שטענדיק געהאַט: „וואו נעמט מען געזעלן?" פון דער גוטער פּראָפעסיע האָבן אַ סך צעבראָכענע עקזיסטענצן זיך אויסגעהיט. דערפאַר האָט ער זיי גוט געהאַלטן, זיי שטענדיק געגעבן פריש און גענוג עסן. ער האָט געהאַט אין זיין גרויסן, מיט הויכע פּאַרקנס ארומ־גענומענעם הויז דריי געזעלן, ווי אויך אַ קוטשער און אַ שיקסע מיטן נאָמען מאַנקע וואָס פלעגט פאַר זיי קאָכן. מאַנקע איז געווען אַ מערקווירדיקע דינסט. מערקווירדיק מיט איר העסלאַכ־קייט; זי איז צייטנווייז אַזוי העסלאַך געווען, אַז איר פּנים האָט אָנגענומען דעם טאָן פון אינטערעסאַנטער שיינקייט, אין אַ מינוט פון בייזקייט, צום ביישפּיל... ווילד בלוט האָט אין אירע אברים געשטראָמט, דאָס ווילדע ציגיינער־בלוט פון אירע עלטערן; זי האָט געקענט אין אַ היציקער זומערנאַכט דאָס גאַנצע הויזגעזינט פאַרמוטשען. אם ליבסטן איז איר געווען מישקאַ, מישקאַ דער קוטשער, דער געזונטער יונגער בחור.

אָי, פלעגט ער זי שלאָגן און ביי די צעפּ ציען. זי האָט דאַן צוזאַמענגעביסן די ציין און געוואָלט שרייען, מיט שוים באַדעקטע ליפּן שרייען: „מישקאַ", האָט זי געפילט ווי צו לאַכן: „מישקאַ, שלאָג, דערוואָרג מיך: מישקאַ, מישקאַ!"...

דערזעענדיק אז מארקאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אים געהייסן געבן אַ גלאָז טיי מיט צוויי שטיקלאַך צוקער, און אים דערציילט, אַז פון דעם דאָרף פּאָרנדיק איז ער, מאַרקאָ, אַ האַלב טויטער געלעגן האָט ער אים געהייסן אין וואָגן אריינגעמען און...
„ווי דו זעסט, ביסטו דאָ!". „איך בין אַ גוטער מענטש", האָט ער ווייטער גערעדט, „אַ גוטער מענטש", האָט ער נאָכגעזאָגט ווי מיט באַדויערן, „מיין פּעטקייט האָט מיך גוט געמאַכט".

„איך וועל דיר געבן קליידער און עסן, און דו וועסט ביי מיר אַרבעטן". ער האָט גערעדט ווי אַלץ זאָל פון לאַנג זיין אָפּגעמאַכט, ווי אַלץ וואָלט זיין זעלבסטפאַרשטענדלאַך.

„איך פרעג דיך קיין פראַגעס ניט פון וואַנען דו קומסט, אָדער ווער דו ביסט; מיין נאָמען איז יאַוואָר יאַוואָרעק"...

ער האָט מאַרקאָן אַרויסגעפירט, אים צייגן זיינע „קינדער", די הינט. מאַרקאָ האָט זיך געפילט ווי אין דער היים, אין אַ נייער היים, און לייכט געאָטעמט. לייכט געאָטעמט נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער צייט, און מיט דער צונג אָנגעהויבן לעקן זיינע ליפּן.

* * *

ווי מיט אומצייליקע טשיריקעס, ווי אונטער דער לאַסט פון די מענטשן, אָטעמט שווער די מוטער־ערד אין דרעמלענדיקן מי־טאָג. איבער די ווייטע זיך כוואַלענדיקע פעלדער ליגט אַ פיינער ציטער און גלאַנצט אין דער לופט. די שליאַכן ליגן ווייט אין דעם ציטערדיקן שימער און פאַרלירן זיך פויל ערגעץ צווישן די בערג. אַלץ איז שטיל, מ'הערט ממש דאָס אָטעמען פון דער ערד.

די שטילקייט ווערט פון אַ מינוט צעהילכט און טענער טראָגן זיך, צעשיטן זיך איבער די פעלדער און שטאַרבן, פאַרלירן זיך ווי די שליאַכן אין דרעמלענדיקן מיטאָג. אַן איינזאַמער רוח'ל שרייט ערגעץ, אויסלויבנדיק זיין זשעגאַכץ; אַ הונט ציט אויס זיין וואָיען ערגעץ אויף אַ הויף; אַ האָנגעקריי פאַרלירט זיך אין דער שטילקייט אריין. שטיל. שמעטערלינגען זשומען אַרום און וואָרעמען זייערע דורכזיכטיק פילפאַרביקע קערפּערס; מיטאָג... שטיל...

מאַרקאָ ליגט אין טיפע גראָזן פאַרבאַהאַלטן און זיינע אויגן

וואַנדערן איבער אַ לאַזורנעם הימל. דער הימל איז אַזוי גרויס און אים אַזוי באַקאַנט, באַקאַנט, יוו אין זיין אַמאָליקער היים.

שוין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט אַז מאַרקאָ האָט קיין הונט ניט אַהיימגעבראַכט. שוין אַ לאַנגע צייט אַז מאַרקאָ פאַרלאָזט דאָס הויז אינדערפרי און קומט מיט דער נאַכט אַהיים, מיט לערע הענט. אַ סך מאָל איז אַ הונט אים איבערגעלאָפן זיין וועג, נאָר זיינע הענט זיינען שווער און פויל אין דער לעצטער צייט. אים גלוסט זיך אין שטילע רווישנדיקע פעלדער צו ליגן און חלומ׳ען, חלומ׳ען פון זיינע פוילישע וועלדער.

אַ בענקשאַפט פאַרמישט מיט אומרו איז איבער אים געקומען; אַ ווילדע בענקשאַפט נאָך זיין מוטער. אָפטמאָל חלומ׳ט ער, אַז זיין מוטער און די קינדער וואַרטן אויף אים, און זי טרייסט זיי: פון היינט אויף מאָרגן, און מאָרגן אויף איבערמאָרגן. אַ שאָטן לויפט אים נאָך, אַ וויזיע: ער זעט די מוטער און קינדער וואַנדערן פון הויף צו הויז און בעטן אַ שטיקל ברויט, אַ טרוקן שטיקל ברויט...

ער זעט ווי די מאַזורן לאָזן זייערע הינט לויז פון די שטריק זיי צו פאַרטרייבן, די באַלעסטיקנדיקע בעטלער פון הויף — זיין אַלטע, שוואַכע מאַמע. און אפשר . . . אפשר איז זי אין פייער...

ניין... ניין... „מאַמע! מאַמע!" שרייט ער מיט אַ פאַרצווייפלטער שטים. ער רופט ניט מער אַרויס אַזעלכע בילדער; ער קנייטשט זיך ווי אונטער אַ שרעקלאַכן קראַמפּ. „מאַמע"... ער שרייט ניט מער, ער וויינט ניט מער; זיין טאָן הויבט אָן אָנצונעמען די ענלאַכקייט פון אַ וואָיענדיקן הונט, פון דעם הונט וואָס וואָיעט אויפן שטריק פאַר זיינע פענצטער, דורך די קורצע זומערנעכט...

„אויך ער בענקט"... האָט מאַרקאָ אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט געקלערט: „ער איז איינזאַם ווי דו"...

„מאַמע... מאַמע..." ווייסט דאָך מאַרקאָ אַז אַזוי שנעל ווי ער באַווייזט זיך אין זיין היים, וועט ער אונטער די גראַטעס קומען; ער האָט דאָך אַ מאָרד אויף זיינע פּלייצעס, אַ שווערע לאַסט...

„מאַמע“... זיין וואָיען שניידט דעם מיטאָג; די ערד האָט אויפגעהערט צו אָטעמען פאַר מורא...

* * *

יאוואר יאווארעק איז גוט געווען צו מאַרקאָן. אַלע זיינען צו אים גוט געווען. קיינער האָט אים קיין פראַגעס ניט גע־פרעגט; אין אַזעלכע עקזילען שווייגט מען פון פאַרגאַנגענהייטן. יעדן אויפדערנאַכט פלעגן זיי זיך אַוועקזעצן אונטער דעם באַרנ־בוים און איינער האָט די סאָפּילקע געזונגען. מאַרקאָ פלעגט אויך זיצן דאָרט, נאָר זיינע פיאַטעס האָבן אונטער אים געברענט:

„ליגט ניט דאָס וויינען פון די קינדער אין דער סאָפּילקע?“

„ליגט ניט דאָס בעטנדיקע, פאַר ברויט בעטנדיקע קול אין דעם יאָמערן פון דער סאָפּילקע?“...

ער האָט ליב געהאַט די סאָפּילקע; אים האָט די מוזיק טונקל־שווער צו זיך געצויגן, ווי אַ זעלבסטמערדער דאָס גאָרגלענדע וואַסער. ער פלעגט ליגן מיטן פנים אַרויף און זיך צוהערן צו דער סאָפּילקע. ער האָט זיך צוגעהערט און געליטן, געליטן און צוגעהערט צו די וויינענדיקע קלאַנגען. איינמאָל אַזוי ליגנדיק זיינען זיינע אויגן נאַס געוואָרן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען איז מאַנקע ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן, פאַר אים געשטאַנען און מיט חיה־טרויעריקע אויגן אויף אים געקוקט, און שטיל צו אים „קום“ געזאָגט.

מאַרקאָ איז מיט איר געגאַנגען. לעבן שטאַל אָבער האָט זיין אַלט גלוסטן אים אַרומגעכאַפּט; ער האָט אויסגעשפּיגן פאַר מאַנקען און זי אַוועקגעשטופּט. ער איז אַריין אין שטאַל און אַרויסגעפירט אַ פערד, זיך אָפּגעריטן און אַוועק אין דער ווערנ־דיקער נאַכט...

מאַנקע איז געשטאַנען מיט שווער אַראָפּהענגענדיקע הענט און געציטערט, געציטערט...

פון די פּאָדקאָווע האָט פייער געבליצט; מאַרקאָס אויגן האָבן פייכט געגלאַנצט; און זיין מויל האָט זיך געעפנט ביז צו די אויערן, צו אַ ברייטן לאַכן. זיין לאַכן איז געווען פאַרמישט מיט דעם פון אַ הונט און קלאַנג פון אַ צום טויט געמוטשעטער חיה.

און איז דאָס אַלץ ניט געווען איין גוואַלדיקער געשריי פון פאַרצווייפלטער בענקשאַפט, איין איינציקער געשריי: „מאַמע?“

די לבנה איז איבער זיין קאָפּ ארויפגעקראָכן; די בערג ארום אים האָבן זיך געצויגן אין דער ביינאַכטיקער הויך; און דער טשערעמאָש האָט געראַשט... גערוישט...

מארקאָ האָט באַשלאָסן יאַוואָר יאַוואָרעקן אַלץ צו דערציילן און ביי אים געלט לייען צו קענען אַהיים פאָרן.

די הינט האָבן געוואָיעט; די הוצילן זיינען אין זייערע שטיבער אריין מאַרקאָן דערזעענדיק; און ער האָט געטריבן זיין פערד, מיט די בערג און טשערעמאָש געטריבן...

5.

מאַרקאָ איז אין דער היים געווען. וויי, מאַרקאָ טשערע־פּאַכאָ!... ווי זיינע אויגן האָבן געפינקלט און די ציין לענגער געוואָרן. זיין ציין־פלייש איז צוריקגעטראָטן, ווי אַ ים וואָס גייט צוריק און לאָזט די אָפענע סקאַלעס שאַרפער און פרייער ארויס־שטעקן. ווי זיין צונג איז ווייס און לאַנג געוואָרן: וויי, מאַרקאָ, מאַרקאָ טשערעפּאַכע, וויי!... ער איז אין דער היים געווען, אין זיין אַמאָליקער היים. דאָרט וואו זיין הויז איז געשטאַנען איז אַ בערגל, פאַרוואַקסן געבליבן. ווי אַ קבר פון אַן אומבאַקאַנטן, אָן אַ שטיין, אָן אַ צייכן, ניט דערציילנדיק ווער עס ליגט דאָרט און פוילט.

זיין מוטער האָט ער ניט געפונען, ניט זיינע ברידער און שוועסטער. איז ער אַ ווילדער צוריקגעקומען אהער, צוריק מיט פינקלענדיקע אויגן...

„מאַרקאָ, מאַרקאָ!“... ווי די שטימע זאָל אים וואָרענען פאַר מענטשן, זאָל אים ציען אין די וועלדער...

„מאַרקאָ... מאַרקאָ“...

6.

מאַרקאָ האָט שאַרפע ציין און פינקלענדיקע אויגן.

ער זיצט אין שטאַל און בייסט די שטריק וואָס בינדט אים ארום, וואָס בינדן זיינע הענט און פיס ארום. שפּייאַכץ ווייס

און געדיכט רינט איבער זיינע גראָבע ליפּן און ווען ער רוט זיך אויס פאַר אַ ווײַלע, לעקט ער זיינע ליפּן און די אויגן פּינקלען.. פּינקלען...

לעצטע נאַכט האָט ער געהאַט אַ שווערן חלום. ווען ער קומט אַ מידער פון דעם ביינאַכטיקן רייטן אַהיים, וואַרפט ער זיך אויף זיין בעט און ווערט באַלד אַנטשלאָפן...

אים האָט זיך גע'חלומ'ט; ער האָט דאָס בילד געזען וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג דורכגעלעבט. ער האָט זיך געזען אין די פּוילישע וועלדער, אין מערב גאַליציע, זוכנדיק זיין מוטער. ער האָט זיך געזען אַלץ מער און מער פאַרצווייפלטער ווערן; נאָר ניט געפונען זיין מוטער, ניט געפונען! איז ער איינמאָל, ניט ווי שטענדיק, ביי דער נאַכט, מיטן טאָג, אַרויסגעגאַנגען און מענטשן אויף זיין מוטער געוואָלט פרעגן. די מאַזורן האָבן זיך גע'צלמ'ט פאַר אים און באַשוואוירן דעם גייסט אין זיין רו אַריין. נאָר איינער האָט זיך ניט גע'צלמ'ט און איז אויך ניט אַנטלאָפן פאַר מאַרקאָן. דאָס איז געווען אַ זשאַנדאַר און האָט אים גע־וואָלט אַרעסטירן. וואָס ווייטער איז געשען געדענקט ניט מאַרקאָ, וויל ניט געדענקען, ער ווייס נאָר אַז דאָס איז אויף אַ פריי פעלד געווען...

ווען ער האָט זיך פון חלום אויפגעכאַפּט — צי ער איז גאַנץ וואַך געוואָרן ווייסט ער ניט, ער געדענקט גאָרניט — ווי אַ שאָטן יאָגט ער זיינע חלומות נאָך... און אין דער יאָגד נאָך זיינע טרוימען איז ער ווידער אַנטשלאָפן געוואָרען אַ פעסטן, געזונטן שלאָף...

נאָר די געזעלן ווייסן און דערציילן אַז ער איז פון זיין בעט אַרונטערגעגאַנגען. ווי אויף פרעמדע פיס געגאַנגען, מיט דער ווייסער צונג אין דרויסן, צו מאַנקעס בעט צוגעגאַנגען, צו דעם טראַדיציאָנעלן בעט וואו דריי ביז פיר גענעראַציעס זיינען אויף איינמאָל פאַרטראָטן, און זי ביי די האָר אין דרויסן אַרויסגע־שלעפּט. זיי האָבן געזען ווי ער האָט זי אויף זיינע אָרעמס גע־נומען און זי געשלאָגן דאָן, ווי זי האָט געלאַכט, געלאַכט און זיין גאָרגל געביסן. ווי ער האָט זי מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזן און . . . און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווי אויף אייגענע פיס צוריק

אין בעט אריינגעגאַנגען, קיין איין וואָרט ניט ארויסריידנדיק...

ווי נאָך אַ קורצער צייט — דערציילן זיי ווייטער — איז ער ווידער אויפגעשטאַנען און גענומען אַ שטיק האָלץ פון דער קיך און עס איינעם פון די שלאָפנדע געזעלן אין קאָפּ אריינגעוואָרפן, נאָר ניט געטראָפן. ווי ער האָט דאַן דאָס האָלץ פון לעבן יענעם געזעל גענומען, ווי ער איז איבער זיין קאָפּ געשטאַנען און אים גאָרניט געטאָן, נאָר זיך אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ אַוועקגעשטעלט און געוואָלט ווידער עס ווארפן... ווי ער איז געשטאַנען, מיט זיין לאַנגער צונג זיין באָרד געלעקט...

זיי האָבן אים דאַן מיט שטריק צוזאַמענגעבונדן; ער האָט זיך ניט געוועהרט און מיט זיי אין שטאַל אריינגעגאַנגען. ווען ער איז אין שטאַל אריינגעקומען איז ער אין זיינע שטריק אויף דעם שטרוי געפאַלן און אָנגעהויבן שנאָרכן. צי ער איז באמת גע־שלאָפן ווייסט קיינער ניט; נאָר זיי דערציילן ווייטער אַז ווען סטאַשעק איז אין שטאַל אריין איז מאַרקאָ נאָך אַלץ אַזוי געלעגן... געלעגן מיט אַ מעסער אין זיין הארץ און מיט אַ לאַנגער רויטער, ארויסשטעקנדיקער פארבלוטיקטער צונג...

* * *

אַ פאַרנאַכט פאַלט אַראָפּ איבער אַ דאָרף...

קלאָנגנדיקע סאַפּילקעס שיקן מיט מאַטן פליגל־שלאָג זייערע טענער איבער דעם געגנט, און אַ הונט ציט ערגעץ אוים זיין לאַנג אויסגעצויגענעם וואָיען... די הוצילן לויפן ניט מער אריין אין זייערע הייזער און צלמ'ען זיך ווייניקער; די קינדער האָבן מער ניט קיין מורא, באַהאַלטן אונטער זייערע מוטערס קליידער זיך ניט מער...

קיינער שטערט ניט מער די ביינאַכטיקע רו; מאַרקאָ טשע־רעפּאַכאַ, דער ווילדער רייטער, איז פארשוואונדן געוואָרן, ווי אין וואַסער אריין... ווי אין וואַסער אריין...

עס איז שטיל. אַ שטילקייט וואָס זינט אָן פארגאַנגענעם, וואָס דערנקט פון אַ זאַך וואָס פעלט איר... נאָך קוקט מען גוט, אויף דעם טונקל־ווערנדיקן הימל דוכט זיך אוים אַז מען זעט אַ טונקעלן פלעק, ווי אַ רייטער מיט אַ פערד.

ווי אַ סילועט שלאָגט זיך אָפּ, וואָס ווערט קלענער און קלע־

נער און פֿאַרשמעלצט זיך דאָן מיט דעם טשערעמאָש, מיט די ברעגן, מיט די בערג, און פֿאַראייניקט פֿאַרשמאָלצן אין זיי, מיט זיי, הייבט ער זיך אויף, מיט די הענט־טרויער צום הימל אַרויף, העכער און העכער אַרויף... די נאַכט ווערט טיפֿער, שטילער און טונקעלער...

ניו יאָרק, יוני, 1927.